includes Fishl, Zeydl, the Ezgles, Reb Yuzifl, shabes-goy, gentile maid, local antisemite + local Croessus

# די גרויסע בהלה פון די קליינע מענטשעלעך

## (אַ פּאָעמע)

### א.

#### ווו דער מחבר שמועסט זיך אויס אַ ביסל מיט זײַנע ייִדן

אפּנים, אַז כתרילעווקע איז שוין אָנגעצייכנט געוואָרן מן השמים, אַז די דאָרטיקע ייִדן באַדאַרפן האָבן מער צרות פון דער גאַנצער וועלט. ווו ערגעץ אַ מכה, ווו ערגעץ אַ שלאַק, אַ פּורעניות, אַן אומגליק, אַן אָנשיקעניש, אַ בייז באַגעגעניש, — באַדאַרף עס זיי ניט אויספעלן, און פון איטלעכער זאַך באַדאַרפן זיי זיך נעמען צום האַרצן מער פון דער גאַנצער וועלט. מילא, פון דרייפוסן, אויב איר געדענקט, איז קיין חדוש ניט וואָס כתרילעווקע האָט אַזוי געליטן: פּאָרט אַן אונדזעריקער, אַן אייגענער; אייגנס איז, ווי זאָגט איר, ניט קיין פרעמדס. וואָס־זשע פאַר אַ תירוץ וועט איר מיר אויסזוכן אַף די בורן, וואָס די ענגלענדער האָבן זיי אַרײַנגענומען און געמאַכט פון זיי אַ תל? קאַרג האָט זיך געטאָן דעמאָלט אין כתרילעווקע? ווײַ־ווײַ, קאַרג איז דעמאָלט בלוט פאַרגאָסן געוואָרן אינעם אַלטן כתרילעווקער בית־המדרש איבער דיָעם? שאַט, שרעקט זיך ניט, איר מיינט טאַקע בלוט ממש? חס וחלילה! די כתרילעווקער זײַנען ווײַט פון בלוט: אַ כתרילעווקער, אַז ער דערזעט פון דער ווײַטן אַ שניט פון אַ פינגער, פאַלט ער חלשות. מיינען מיינט מען גאָר עפּעס אַנדערש; מיינען מיינט מען יסורים, האַרצווייטיק, בזיונות. און איבער וואָס, מיינט איר? נאָר איבער דעם, וואָס מענטשן קאָנען זיך ניט אויסגלײַכן מיט די דעות; זאָגט דער אַזוי, זאָגט דער: טאָמער פאַרקערט? האַלט דער מיט די בורן און נעמט זיך אָן זייער קריוודע:



סטייטש, וואָס האָט מען נעבעך צו אַן אָרעם פאָלק, וואָס טשעפּעט קיינעם ניט, וואָס וויל זיך זיצן שטיל און רויִק אַרבעטן די ערד? קומט דער אַנדערער און ווערט אַ שתדלן פאַרן ענגלענדער, באַווײַזט־אויס מיט ראיות, אַז די ענגלענדער זײַנען די ערשטע געבילדעטע לײַט אַף דער וועלט. „ממזר! וואָס מיר געבילדעטע, אַז מע בראָקט מענטשן, אַזוי ווי קרויט!" — „ווער איז אײַך שולדיק, אַז איר זײַט אַ בהמה?" — „אַ בהמה זײַט איר גאָר אַליין בצורת פערד!"... בקיצור — פּעטש, עדות, פּאַפּירן, מיראַוואַי, אַלדי חלשות! דאַכט זיך, אין פלוג, וואָס קער זיך אָן מיט אײַך, קבצנים, דלפנים, עניים ואביונים, דלותים, שלעפּערס, אַ לאַנד, וואָס ליגט ערגעץ פאַרשטעקט אין אַלדי שוואַרצע יאָר, אין אַפריקע? צוי אַשטייגער, אײַך דאַרף טאַקע דאַרן דער קאָפּ פאַר סערביע, וואָס עטלעכע אָפיצערן האָבן זיך מיישב געווען און האָבן איינמאָל אין מיטן באַנאַכט זיך אויפגעכאַפּט, אָנגעפאַלן און געהרגעט דעם קיסר אַלכסנדר און די קיסרינע דראַגע און אַרויסגעוואָרפן זיי דורכן פענצטער אין דרויסן אַרויס? סטײַטש, זאָגט איר, אָנפאַלן אַף יענעם בשעת ער שלאָפט און מאַכן אים די קץ, דאָס פּאַסט, זאָגט איר, פאַר פּראָים, ווילדע מענטשנפרעסער, דאָרטן ערגעץ, אין די מדבריות? איך פרעג אײַך אָבער אַן אַנדער זאַך: וואָס גייט דאָס אײַך אָן מער פון אַלעמען? איר האָט שוין טאַקע קיין שום דאגות נישט? חתונה געמאַכט און פאַרזאָרגט אַלע קינדער — און אַן עק? איך פרעג אײַך, למאַי זאָלט איר האָבן אַ טבע אַרײַנשטעקן אומעטום די נאָז אײַערע? גלייבט מיר, די וועלט וועט זיך באַגיין אָן אײַך, און איטלעכער וועט זיך מסתמא באַשטיין זײַן שטעטל!...

דער מחבר בעט דעם לעזער, ער זאָל קיין פאַראיבל נישט האָבן, וואָס ער רעדט אַזעלכע האַרבע ווערטער מיט זײַנע כתרילעווקער לײַט! איך בין פאַרשטייסטו מיך, ליבער פרײַנט, אַליין אַ כתרילעווקער. דאָרט בין איך געבאָרן, דאָרט בין איך אויפגעוואַקסן, דורכגעגאַנגען אַלע זייערע חדרים און שקאָלעס, דאָרט האָב איך חתונה געהאַט למזל און זיך אַוועקגעלאָזט נאָכדעם מיט מײַן קליין שיפל אַף דעם גרויסן ברייטן רעשדיקן ים, וואָס מע רופט אים „לעבן" און וואָס די כוואַליעס זײַנע וואַרפן העכער הײַזער, און כאָטש מען איז שטענדיק אינעם דאָזיקן טומל פאַרטאַרעראַמט און פאַרטראַסקעט, פונדעסטוועגן האָב איך נאָך אַף קיין מינוט נישט פאַרגעסן מײַן זיסע ליבע היים כתרילעווקע זאָל מאַריך

ימים זײַן, מיט מײַנע ליבע זיסע ברידער, די כתרילעווקער ייִדן, זאָלן זיך פּרוכפּערן און מערן; און אַלע מאָל, ווען עס טרעפט זיך דאָ בײַ אונדז עפּעס אַן אויסגאַס, אַ צרה, אַ בראָך, אַן אומגליק, טראַכט איך מיר בשעת מעשה: וואָס טוט זיך אַצינד ד אָ ר ט ן, איך מײַן פּאַטער־לאַנד?... כתרילעווקע, דאַרפט איר וויסן, ווי קליין און אָרעם און עלנט און פאַרוואָרפן דאָס זאָל נישט זײַן, איז דאָך געבונדן מיט דער גאַנצער איבעריקער וועלט. ווי מיט אַ מין דראָט אַזעלכן, וואָס אַז מע גיט אַ קלאַפּ אין איין עק, גיט זיך עס אָפּ באַלד אינעם אַנדערן עק! אָדער איך קאָן זאָגן אַזוי: כתרילעווקע איז געגליכן צום קליינעם קינד אין דער מאַמעס בויך, וואָס איז געבונדן, צונויפגעוואַקסן מיט דער מוטער דורכן נאָפּל און פילט אַלצדינג גלײַך מיט דער מוטער: טוט וויי דער מאַמען — טוט וויי דעם קינד; טוט וויי דעם קינד — טוט וויי דער מאַמען. אַ חדוש איז מיר נאָר אויף איין זאַך: פאַרוואָס פילט כתרילעווקע אַלעמענס צרות מיט אַלעמענס ווייטיקן פון דער גאַנצער וועלט, און קיינער, קיינער פילט נישט דעם ווייטיק פון כתרילעווקע; קיינער, קיינער אינטערעסירט זיך נישט מיט די כתרילעווקער? דאָס כתרילעווקע איז עפּעס אַ מין שטיפקינד בײַ דער וועלט, וואָס בײַ אַן אומגליק חלילה, בײַ אַ חולה מסוכן אין שטוב דערפילט עס פריִער פון אַלעמען, ווערט אויסגעריסן מער פון אַלעמען, טאַנצט־אַרום, שלאָפט נישט קיין נעכט, קריכט אין דער ערד אַרײַן, שונאי־ציון! און זאָל דאָס שטיפקינד פאַלן פון די פיס און אַליין קראַנק ווערן, מעג זיך עס ליגן, נישקשה, אַליין ערגעץ אין דער קרענק, אין אַ ווינקעלע, גליִען ווי אין אויוון, אויסגיין פון הונגער, חלשן אַ טרונק וואַסער — קיינער, זײַט זיכער, וועט זיך אויף דעם נישט אַרומקוקן...

ב.

## אַ קליין בריוול און אַ גרויסער רעש

נאָך אַזאַ מין הקדמה וועט שוין איטלעכער גרינג פאַרשטיין און זיך קאָנען פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ קאָכעניש ס'איז געווען אין כתרילעווקע דעמאָלט, נאָך דער שיינער חתונה, וואָס האָט זיך געטראָפן דעם גוטן פּסח, נישט הײַנט געדאַכט... נאָך איידער ס'איז אָנגעקומען צו



זיידלען דאָס „בלאַט" און מע האָט נאָך נישט געוווּסט פון גאָרנישט, האָט איינער אַ שוחט באַקומען פון זײַנעם אַן איידעם אַ בריוול, וואָס מיר גיבן דאָס איבער וואָרט אין וואָרט, מיט דעם לשון, ווי ס'איז געשריבן געוואָרן, איבערגעזעצט אויף פּראָסט זשאַרגאָן, בכדי אַלע זאָלן דאָס פאַרשטיין.

„לכבוד צו מײַן געליבטן טײַערן שווער דעם באַרימטן חכם, וואָס זײַן נאָמען לאָזט זיך הערן אין אַלע עקן פון דער וועלט, און צו מײַן געליבטער טײַערער שוויגער די ערלעכע און די קלוגע און די פרומע, ווי די שטערן זאָלן זייערע נעמען טון שײַנען ביזן עק וועלט אַרײַן, פריד זאָל זײַן צו זיי און פריד צו זייער הויזגעזינט און צו אַלע ישראל, אָמן.

„מיט ציטערדיקע הענט און מיט געשטרויכלטע קני טו איך צו אײַך שרײַבן די דאָזיקע ווערטער. הנה זײַט וויסן, אַז די פּאַגאָדע האָט זיך בײַ אונדז שטאַרק געביטן, אַ האַנט פון אַ מענטשן און אַ בלײַענע פעדער איז גאָר נישט אימשטאַנד דאָס צו באַשרײַבן... רק מיר זײַנען אַלע, ברוך השם, געזונט און שטאַרק, איך און זוגתי מרת דבורהל זאָל לעבן און אַלע קינדערלעך זאָלן געזונט זײַן, יאָסעלע און פייגעלע און עזריאַליקל און חנהלע און גנענדל, אַ חוץ נאָר, וואָס מען איז אָנגעשראָקן זייער שטאַרק פונעם האָגל און פונעם שטורעמווינט, וואָס דאָ איז געווען, נאָר דאַנקען גאָט, ס'איז אַלץ איבערגעגאַנגען און מע האָט שוין קיין מורא נישט מער פאַר קיינעם, ווי אַלע מענטשן, און מיר בעטן אײַך, איך און זוגתי דבורהל, איר זאָלט חלילה גאָרנישט איבערטראַכטן, מיר אַלע און קינדערלעך יאָסעלע און פייגעלע און עזריאַליקל און חנהלע און גנענדל זײַנען ברוך השם אַלע געזונט, און איר זאָלט אונדז למען השם באַלד אויסשרײַבן אַלצדינג, וואָס הערט זיך בײַ אײַך, ווי אַזוי איז בײַ אײַך די פּאַגאָדע, און צי איר זײַט געזונט, און למען השם פון אַלצדינג באַריכות!"

* * *

שוין לאַנג האָבן קלוגע מענטשן באַמערקט אין זייערע באַשרײַבונגען, אַז אַזעלכע בריהס אויף צו לייענען צווישן די שורות, ווי ייִדן, געפינט איר נישט אויף דער גאַנצער וועלט. באַווײַזט זיי אַ פינגער — וועלן זיי אײַך טרעפן וואָס איר מיינט. זאָגט זיי אַ וואָרט — וועלן זיי אײַך באַלד זאָגן אַנדערע צוויי. נישטאָ פאַר זיי קיין פאַרשטעלטע שווערע זאַך, נישטאָ פאַר זיי קיין פאַרבאָרגענע רעטענישן.

דעם שוחטס אײדעמס בריוול איז געגאַנגען מיד ליד, און דעם שוחטס אײדעם אַלײן איז נישט אַרויס בײַ זײ פֿון מויל אַף קײן מינוט, און אַלע האָבן דערצײלט אײנס דאָס אַנדערע שרעקלעכע מעשיות מיט אַלע פּיטשעווקעס, גלײַך ווי זײ זײַנען אַלײן געווען דערבײַ. און אַ שוואַרצער שאָטן, אַ ביטערע מרה־שחורה האָט זיך אויסגעצויגן איבער זײערע פּנימער: צוגענומען געוואָרן בײַ זײ מיטאַמאָל די פֿרײלעכקײט אַף שטענדיק. אײן שטיקל נחמה, אײן שטיקל האָפֿענונג איז געווען בײַ זײ: טאָמער איז דאָס אַ דמיון, אַ ליגן — אַ קשיא אַף אַ מעשה. דעם שוחטס אײדעם, אַ יונגערמאַן אַ משכּיל און אַ שײנער שרײַבער אַ בעל־לשון־קודש, אפֿשר צוליב דער שײנער מליצה איז ער פֿאַרקראָכן דער רוח ווײס וווהין? ווײס איך — פּזמונות, סע קאָן נישט זײַן! און בכדי צו שטאַרקן אײנער דעם אַנדערן און צעטרײַבן די מרה־שחורה, האָט מען גענומען דערצײלן שײנע מעשיות פֿון די הײַנטיקע יונגעלײַט די משכּילים מיט זײער מליצה־שרײַבן, וואָס אַן אַנדערש מאָל האָט מען זיך באַדאַרפֿט האַלטן בײַ די זײַטן לאַכנדיק. דער חסרון איז אָבער געווען, וואָס אַצינד האָט קײנער נישט געלאַכט. עס האָט זײ נישט גענומען קײנעם קײן געלעכטער. עפּעס אַ משונה־מאָדנער אומעט האָט זיך אויסגעגאָסן אַף אַלעמען, און דאָס האַרץ האָט איטלעכן געזאָגט, אַז ד אָ ר ט האָט באַדאַרפֿט פֿאָרקומען עפּעס זײער אַ מיאוסע מעשה, און דער עולם איז אַוועק צו זײדלען.

זײדל, אונדזער אַלטער באַקאַנטער זײדל, דער אײנציקער וואָס שרײַבט אויס דעם בלאַט, איז נאָר־וואָס געקומען פֿון דער פּאָסט אַ צעקאָכטער, אַ צעטראָגענער, דאָס פּנים פֿינצטער ווי די ערד און ווי אָנגעברוגזט אַף דער גאַנצער וועלט. און מע האָט זיך דערוווּסט, אַז די מעשה איז טאַקע אַן אמת.

„אַ גליק, וואָס כאָטש דאָ אין כתרילעווקע קאָן אַזאַ חתונה נישט פֿאָרקומען, וואָס דאָ קאָן אַזאַ אומגליק נישט געשען!"

אַזױ האָבן זײ זיך געטרײסט אײנס דאָס אַנדערע, נאָר אין האַרצן האָבן זײ זיך געטראַכט: אַ קשיא אַף אַ מעשה — בײַ גרויסע ווינטן קאָן פֿון אײן פֿונק ווערן אַ שׂרפֿה, זיך אויסלאָזן מיט אַ העליש פֿײַער. און די כתרילעווקער ײדן האָבן זיך אָנגעהויבן פּאַוואָלינקע אַרומקוקן, ווי האַלטן זײ אָקאָרשט מיט זײערע שכנים, מיט די „אַנדערע פֿעלקער"...



ג.

## רעדט פֿון כוועדאָר דעם שבת־גוי און פֿון ערלים בכלל

אויב כוועדאָר דער שבת־גוי, וואָס פֿאַרלעשט די ליכט פֿרײַטיק־צו־נאַכטס פֿאַר גאַנץ כתרילעווקע, און האָפּקע די געשטופּלטע, וואָס שמירט די הײַזער און מעלקט די ציגן פֿון דער גאַנצער שטאָט, וכדומה נאָך אַ סך אַזעלכע ערלים קאָן מען אָנרופֿן מיטן נאָמען „אַנדערע פֿעלקער", מוזן מיר קומען דערצו, אַז כתרילעווקע האָט כּלל וכלל נישט געהאַט וואָס מורא צו האָבן, און די דאָרטיקע ײדן וואָלטן זיך געקאָנט זיצן רויִק ביז משיח וועט קומען, וואָרעם זײ לעבן פֿון קדמונים מיט די דאָזיקע „פֿעלקער" אַזױ גוט, וואָס בעסער קאָן שוין, דאַכט זיך, גאָר נישט זײַן. כוועדאָר ווײס וויל, אַז כאָטש דער מיוחס, דער תּושב אין כתרילעווקע איז ער, פֿונדעסטוועגן מוז ער הײצן שבת בײַ די ײדן די הרובעס, פֿאַרלעשן זײ די ליכט און אַרויסטראָגן די פּאָמעניצע וכדומה אַזעלכע גראָבע אַרבעט, וואָס ער איז צו זײ געוווינט געוואָרן פֿון כּמה וכמה יאָרן. און אויב איר מײנט, אַז עס פֿאַרדריסט אים אפֿשר אַף ײדן, האָט איר אַ טעות: ער פֿאַרשטײט גאַנץ גוט, אַז ער איז ער און זײ זײַנען זײ; די גאַנצע וועלט קאָן נישט באַשטײן פֿון סאַמע גענעראַלן, עס מוזן זײַן אויך פּראָסטע סאָלדאַטן. אמת, אַ סך גענעראַלן, דאָס הײסט כתרילעווקער ײדן, וואָלטן זיך אפֿשר געביטן מיט כוועדאָר דעם פּראָסטן סאָלדאַט; נאָר צוריק, אַז מען וויל שמועסן דאָס אײגענע פֿאַרקערט, מוז מען האָבן גענעראַלן אויך, פֿון סאַמע סאָלדאַטן קאָן די וועלט קײן קיום נישט האָבן — און בײדע צדדים זײַנען צופֿרידן: זײ, די גענעראַלן פֿון כתרילעווקע, וואָס האָבן ווער ס'זאָל זײ באַדינען, אַז ס'קומט שבת, און ער, דער סאָלדאַט, וואָס האָט וועמען צו באַדינען און כאַפּן בײַ וועמען אַ שטיקל קוילעטש און בײַ וועמען אַ טרונק בראָנפֿן.

— אַכאָדי נאָ סיודי, כוועדאָר סערדצע! נאָ פּײ טשאַרקאָ לחיים, אַ סיבה דיר אין פּנים!* — זאָגט מען צו אים שבת נאָכן קידוש, און כוועדאָר טוט אויס דאָס היטל, האַלט דאָס גלעזל מיט צווײ פֿינגער, בײגט זיך און ווינטשעוועט אַלעמען אַ גוט יאָר.

— דאַי באָזשע זדראַוויסטוואָוואַט! — און ער קערט איבער דאָס גלעזל מיטן קאָפּ אינאײנעם און פֿאַרקרימט זיך שטאַרק־שטאַרק, מאַכט

אזא תנועהלע, גלײַך ווי ער טרינקט דאָס ערשטע מאָל אַף זײַן לעבן אזא ביטערע משקה:

— דוזשע הירקע, נעביי יאָמו סטאָ טשערטיוו אי אָדנאָ ווידמאָ!*

— נאָ, זאַקוסי מיט אַ קרענק דיר אין די ביינער אַרײַן, שמאָטאָק שבתקאָווע בולקע! — זאָגט מען אים און מען איז אים מכבד מיט אַ שטיקל קוילעטש.

ווערליק כתרילעווקער ייִדן שילטן כוועדאָרן מיט טויטע קללות, קאָנט איר אפשר איבערקלערן, אז מע מיינט דאָס חלילה ערנסט? זאָל אײַך גאָט היטן פון אזא געדאַנק! זיי וועלן אײַך פאַר כוועדאָרן נישט אַוועקגעבן קיין זאַק באָרשט, דערפאַר וואָס ער איז אַן ערל אַן ערלע־כער; גאָלד מעג ליגן — וועט ער זיך נישט צורירן, און טאָן וועט ער אײַך פאַר צען רוחות: אויסהייצן די הרובע, אַרויסגיסן די פּאָמע־ניצע, צוהאַלטן די ציג ביז האַפּקע וועט זי אויסמעלקן, אַרײַנטראָגן שפּענער, אָנגיסן וואַסער אַ פאַס, איבערשווענקען דאָס געפעס, ווי אַ רעכטע בעל־הביתטע, און אונטער אַ נויט — זיך שטעלן צעוויגן דאָס קינד אויך. קיינער קאָן נישט אַזוי פאַרשלעפערן אַ קינד, ווי כוועדאָר; קיינער קאָן נישט אַזוי זאַבאַווען, פאַרשפּילן אַ קינד, ווי כוועדאָר, קנאַקן מיט דער צונג, פײַפן מיט די ליפּן, קלאַפּן מיט די פינגער, כאָרכלען מיטן האַלדז און כריוקען ווי אַ חזיר וכדומה אַזעלכע שטיק. און דערפאַר האָבן די כתרילעווקער ייִדישע קינדער ליב דווקא כוועדאָרס שוואַרצע שטשעטינעדיקע מאָרדע און דווקא כוועדאָרס גראָבע שטעכעדיקע סוויט־קע, און ווילן נישט אַראָפּ פון זײַנע הענט. די כתרילעווקער בעל־הבית־טעס זײַנען דערפון דווקא ווינציק וואָס צופרידן, ווײַל עס מאַכט זיך גאַנץ אָפט, אַז די קינדער ווילן עסן, און ס'איז נישטאָ וואָס, קאָן זיי אונטעררוקן כוועדאָר בסוד אַ שטיקל ברויט פון טאָרבע מיט עפּעס נאָך און אָנהאָדעווען זיי, חס וחלילה, מיט מי יודע וואָס... נאָר ס'איז אַ טעות, כוועדאָר וועט אזא זאַך נישט טאָן: ער ווייס גאַנץ גוט, אַז דאָס וואָס זיי עסן — מעג ער, כוועדאָר, אויך עסן, און דאָס וואָס ער, כוועדאָר, עסט — טאָרן זיי נישט עסן. פאַרוואָס? — דאָס איז שוין נישט זײַן עסק. למאי אַ בלאָז טאָן דאָס ליכט אים שבת, אָדער אָנרירן זיך באַם לײַכטער, אָדער אָפּטראָגן דעם סדור אין שול

*) שטאַרק ביטער, האָט דעם זיבן שיידים מיט איין מכשפה!



אַרײַן, וכדומה אַזעלכע גרינגע אַרבעט, איז ער — מעג, און זיי — נישט? קיין חקירות איז נישט שײַך, און איטלעכער באַדאַרף זיך האַלטן בײַ זײַנעם. און טאָמער מאַכט זיך אַ מאָל, כוועדאָר קאָן נישט אײַנהאַלטן זיך און טוט אַ לאַך, למשל, פּסח פון דער טרוקענער מצה: „דוזשע טרעשטשיט, נעביי יאָמו סטאָ טשערטיוו אי אָדנאָ ווידמאָ!" — האַקט מען אים אָפּ די פליגל און מע ענטפערט אים: „אַ טוואָיאָ סוויניאָ, חזיר, לוטשע?" — און כוועדאָר בלײַבט שטיל.

כוועדאָר איז אָבער שטיל נאָר דעמאָלט, ווען ער איז ניכטער, ביז ער פאַרטרינקט זיך נישט אַזוי ווײַט, אַז ער פאַרגעסט, ווי אַזוי מע רופט אים. דאָס טרעפט זיך מיט כוועדאָרן זייער זעלטן. נאָר אַז ס'ע טרעפט זיך שוין מיט אים, איז דעמאָלט — חיות נישט זיכער! דע־מאָלט הייבט ער אָן זיך שלאָגן מיט די הענט אין האַרצן אַרײַן, וויינען מיט ביטערע טרערן און שרײַען: וואָס האָט מען צו אים? פאַרוואָס זייגט מען זײַן בלוט, פאַרוואָס עסט מען זײַן פלייש? אָט גייט ער און מאַכט אַ תל־עולם פון גאַנץ כתרילעווקע!...

— זשידי נעכריסטי, נעביי יאָמו סטאָ טשערטיוו אי אָדנאָ וויד־מאָ!.. — ער שרײַט אַזוי לאַנג, ביז ער ווערט אַנטשלאָפן. און אַז ער שלאָפט זיך גוט אויס און שטייט אויף, קומט ער צוריק צו די ייִדן און איז ווידער דער אייגענער שטילער, ערלעכער „כוועדאָר־סערדצע", וואָס פריִער, גלײַך ווי גאָרנישט געווען.

— אָדע טוואָי טשאָביטע, אַ קרענק דיר אין פּנים? — פרעגט מען אים און מע הייבט אים אָן זאָגן מוסר און שילטן בשעת מעשה מיט טויטע קללות, ווי געוויינלעך: — „שאָ טי סובי דומאיעש, דו באָסיאַק איינער? דו וועסט דאָך פּגרן ערגעץ, בודעש זדאָכניט אונטער אַ פּלויט, האָב דיר אַכציק שוואַרצע יאָר, די כּפּרה שאָב טי באָוו פאַר כל ישראל, רבונו־של־עולם!"

כוועדאָר שטייט און קראַצט זיך אין דער פּאָטיליצע און שווײַגט; ער ווייס גאַנץ גוט, אַז זיי זײַנען גערעכט און ער איז אומגערעכט. ער קוקט אַראָפּ צו זיך אַף די באָרוועסע פיס און טראַכט זיך: ווען האָט ער געקאָנט פאַרקויפן די שטיוול, נעביי יאָמו סטאָ טשערטיוו אי אָדנאָ ווידמאָ?!

אָט אַזאַ מין נפש איז כוועדאָר.

אויך די אַלע איבעריקע נפשות, וואָס אין כתרילעווקע, האָבן שטענ־

דיק א פארקער מיט יידן, ווייסן וויל, אז משׁשת ימי בראשית זיינען די יידן באשאפן געווארן, זיי זאלן זיין קרעמער, סוחרים און איבער־קויפערס; ווארעם קיינער קאן אזוי נישט האנדלען, דרייען מיטן קאפ, ווי א ייד, כי לכך נוצרת, אף זייער לשון קומט דאס אוים: „נא טא וואני זשידי, שאב האנדליאוואלי"[1]... און מע באגעגנט זיך גאנץ אפט אפן מארק, און מע קען זיך איינס דאס אנדערע זייער גוט בא די נעמען, און מע גיט זיך אפ כבוד איינס דאס אנדערע: הריצקא זאגט הערשקען „מאשעניק", און הערשקע זאגט הריצקען „זלאדי", און דווקא אין גוטן מוט, און אז מע צעקריגט זיך שוין גאר שטארק, גייט מען ביידע „דא ראבינא", און רב יוזיפל דער רב, וואס איז שטארק געכאפט אין דעם לשון, פסקנט אלעמאל אף דער האלב: „נעכאי באולא פאלאווינע"[2] — אבי נישט דערלאזן צו א חלול השם.

ד.

### האפקע א יידישע נשמה און מאקאר א שונא־ישראל

האבן מיר גערעדט ביז אהער פון ערלים. אצינד וועלן מיר א ביסל שמועסן וועגן האפקע די געשטופלטע.

האפקע רעדט יידיש, ווי א יידיש קינד; אין איר שפראך ווארפן זיך דורך א גוזמא לשון־קודש־ווערטער, למשל: „מירטשען, נאכטייסע, קענארע נישט, לאסאטע, לאוודל, גוטיאנטע, מאכריינוואסער" און נאך א סך אזעלכע ווערטער; און כוועדאר הינטער די אויגן האט בא איר קיין אנדער נאמען נישט, א חוץ „כפרהניק". האפקע איז אזוי צונויפגע־וואקסן מיט די כתרילעווקער ווייבער, אז ס'איז פאראן ציטן, וואס סיי זיי, סיי זי אליין פארגעסן זיך וואס זי איז און ווער זי איז, און מע שאפט זיך מיט איר אזעלכע ארבעט, וואס געהערן זיך אן צו לויטער יידישקייט. למשל: גיין צום רב מיט א שאלה, העלפן אויסזאלצן פלייש, כשר מאכן די עופות, העלפן ארײַנשלעפן דעם פסח אין שטוב ארײַן וכדומה אזעלכע זאכן, וואס האפקע איז אין דעם געהיט מער ווי אן אנדער יידיש קינד. זי ציטערט פאר מילכיקס מיט פליישיקס אימת מות און היט זיך פאר חמץ אלע זיבן טעג פסח, עסט גלײַך מיט אלע יידישע קינדער מצה, רײַבט דעם מרור אף וואס די וועלט שטייט, און האט



דערפון הנאה, ממש ווי א יידישע טאכטער. א לאנגע צײַט האט דער כתרילעווקער פריסטאוו נישט געוואלט גלייבן, אז האפקע איז נישט קיין יידישקע, ביז ס'האט זיך געטראפן מיט איר א מעשה, זייער נישט קיין שיינע... האט מען זי געפאקט און געוואלט פארשיקן ווײַט־ווײַט, איז געווען איר גליק, וואס אין דער מעשה איז געווען פארמישט א זײַ־טיקער פארשוין, דער שרײַבער פון דער מעשטשאנסקע אופראווע,[1] מאקאר כאלאדנע, א גרויסער שונא־ישראל, אן אמתער צורר היהודים, איינער פון די גרעסטע אינטעליגענטע אנטיסעמיטן אין כתרילעווקע. ווען נישט דער רחמנות פון האפקען, וואלטן די דארטיקע יידן דערלעבט א נקמה אין דעם המנען, נאר מחמת מיט מאקארס מפלה וואלט באדארפט אומ־גליקלעך ווערן אויך האפקע, האבן די יידישע עדות זיך א נעם געטאן צוריק און געזאגט פארן סלעדאוואטל, אז דאס וואס זיי האבן גערעדט, האבן זיי געבליט — און דער עסק איז צעריבן געווארן... פון דע־מאלט אן וואלט, דאכט זיך, מאקאר כאלאדנע באדארפט שלום ווערן מיט די יידן און ווערן זיי דער בעסטער גוטער פרײַנט; נאר ווי עפעס דורך א מין קאפריז פון דער נאטור איז ער, אדרבה, געווארן נאך מער צורר־היהודים, נאך מער אנטיסעמיט, ווי פריער.

מאקאר האט פון קינדווײַז אן, קאן מען זאגן, געליטן צרות פון יידישן פאלק און געטראגן א שנאה טיף אין הארצן תחילת אף די כתרילעווקער יידן אליין, און נאכדעם — אף אלע יידן פון דער גאנצער וועלט. נאך בשעת ער איז געווען גאר א קליינער, געטריבן א בארוועסער דעם טאטנס גענדז אף דער פאשע, פלעגט ער נישט איין מאל באגע־גענען זיך מיט יידישע קינדער גיין פונעם חדר, און אנשטאט א „גוט מארגן" פלעגט ער זיי, אף קאטאוועס, געוויינטלעך, איבערקרימען ווי זיי ריידן „טאטעלי־מאמעלי", טרייסלען בשעת מעשה מיט א פאלע, נישט צו מיינען דערבײַ חלילה עמעצן באליידיקן, נאר גלאט אזוי אין גוטן מוט. יידישע קינדער אבער, צאן־קדשים, יעקבס אייניקלעך, וואס לערנען חומש מיט רש"י, האבן זיך דווקא געפונען פאר אזא זאך באליי־דיקט און האבן אים אפגעענטפערט מיט א יידיש לידל, וואס כאטש מאקאר האט די ווערטער נישט געקאנט פארשטיין, נאר פונעם נוסח און פון זייער לאכן האט ער גאנץ גוט ארויסגעזען, אז דאס מיינט מען אים דערלאנגען ביזן ביין ארײַן, און מאקאר האט קיין טעות נישט געהאט. אט האט איר דאס לידל אליין:

1 Official in charge of affairs of townspeople, burgers: issuing passports etc.

truants

total linguistic integration

קישקעס קאָכן
אין דער וואָכן!
מיר אַ ברויט,
דיר אַ טויט!
מיר אַ וואָגן,
דיך באַגראָבן!
מיר אַ שליטן,
דיך באַשיטן!

נאַרישע קינדער! ערשטנס, איז די מעשה פּונקט קאַפּויר: ברויט האָט מאַקאַר, נישט זיי; אַף אַ שליטן פאָרט מאַקאַר, נישט זיי! און צווייטנס, ווי אַזוי שטעלן זיך דאָס איַין יידישע קינדער, זיי מעגן זיַין אַ גאַנצער מנין, זאַטשעפּען זיך מיט מאַקאַרן, ער מעג זיַין איינער? מאַקאַר האָט, נישקשה, אַ פּאָר ידים, וואָס קאָן באַשטיין פאַר צען גוטע שאַרפע שפּיציקע קעפּלעך פון די בעסטע צען יידישע חדר־יינגלעך. מאַקאַר האָט זיי דעמאָלט נאָך, אוי־אוי, געגעבן צו פאַרשטיין דעם פּשט פונעם פּסוק, וואָס זיי האָבן געלערנט אין חדר: „ה ק ו ל ק ו ל י ע ק ב ו ה י ד י ם י ד י ע ש ו“...

שפּעטער, אַז מאַקאַר האָט געשטודירט אין „פּריכאָדסקאָיע“, האָט ער געהאַט מיט זיי באַגעגענישן זומער אין פעלד, הינטער דער שטאָט, און ווינטער אַפן איַיז, בשעתן גליטשן זיך, און אַלע מאָל האָט געמוזט אַרויס עפּעס אַ מחלוקת צווישן ביידע צדדים. אַף דעם נאָמען „זשיד“, וואָס איינגנטלעך, איז דאָך עס גאָר אַ געוויינלעך וואָרט, ווי למשל „פאָרך“, האָבן זיי אים גראָב געענטפערט: „סווייניאַ“, און אַף זייערע איַינגעגעסענע ליצנות האָט ער זיי געענטפערט מיט קלעפּ און האָט זיי גאַנץ אָפּנטלעך באַוויזן, ווי אַזוי די קינדער ישראל אַנטלויפן פאַר די פלשתים, און ווי אַזוי די פלשתים יאָגן זיי נאָך פון הינטן מיט שטעקנעס און מיט שטיינער, הוקען און טיוקען און פיַיפן און סוויסטשען:

„אַ טיו — טיו, זשידי, היי!
טער — טער — טער!...“



## ה.

### באַוויַיזט, ווי אַזוי עס ווערט פון אַן אַנטיסעמיט אַ פילאָזאָף

וויַיטער פון דער „פּריכאָדסקאָיע“ איז מאַקאַר נישט געגאַנגען; ער איז געבליבן, נישט דאָ געדאַכט, אַ יתום, געירשעט פון די עלטערן אַ קליין שטיבל מיט אַ שטיקל גאָרטן, און אַ יודע־ספר איז ער דאָך געווען, האָט ער זיך באַלד אַ וואָרף געטאָן צו דער „סלוזשבע“, זיך גענומען צו דער פעַן, באַקומען אַן אויסגעשריבן הענטל און געוואָרן אין דער כתרילעווקער מעשטשאַנסקע אופּראַווע שריַיבער, און נאָכדעם סעקרעטאַר, און נאָכדעם כּל־וָלך — און דאָרט האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן זיַינע באַגעגענישן מיט זיַין רעכט באַקאַנט־ווערן מיט די כתרילעווקער יידן...

די סטיטשקעס, וואָס ער האָט מיט זיי געהאַט, זיַינען תחילת געווען אפילו נישט אַזוי געפערלעך. ביידע צדדים האָבן זיך באַנוגנט נאָר מיט שאַרפע אָנצוהערענישן, מיט שטעכווערטלעך און מיט ליצנות איינס אַף דאָס אַנדערע. ער זיי: „איצקאָ, בערקאָ, איַי וויי, שבת, קוגל!“ און זיי אים: „וואַשע־בלאַהאָראָדי“ מיט אַ שנעל איבערן קאָלנער און מיט אַן אָנצוהערעניש, אַז דאָרט קריכט עפּעס אַרום...

עס מאַכט זיך אַמאָל, הערט איר, אַן אָנצוהערעניש, וואָס איז ערגער צען מאָל ווי אין טאַטן אַריַין געשאָלטן, און פאַראַן ווערטער, וואָס זיַינען ערגער טויזנט מאָל פון פּעטש. און אַף ווערטער זיַינען דאָך די כתרילעווקער יידן די ערשטע בריות, די גרעסטע מזיקים אין דער וועלט! (פאַר אַ גליַיכוואָרט וועט איַיך אַ כתרילעווקער, ווי עס איז שוין באַוווּסט אַף דער גאַנצער וועלט, ניט זשאַלעווען גיין צען מיַיל צופוס, ריזיקירן מיט פּרנסה, איַינשטעלן כמעט דאָס לעבן.) אַ כתרילעווקער עני, אַ מקבל, דער וואָס גייט איבער די היַיזער, אַז ער קומט נאָך אַ נדבה און מע גיט אים ניט, בעט ער, מע זאָל אים כאָטש לאָזן זאָגן אַ משל, און סע מאַכט זיך אַפּטמאָל, אַז ער באַקומט פאַר אַזאַ משל אַ מיאוסן פּסק; ער עפנט טאַקע מיטן קאָפּ די טיר, ס'איז אָבער אַלץ כדאַי — אַבי אַרויסגעבראַכט אַ גליַיכווערטל. אַט אַזעלכע ליַיט זיַינען מיַינע כתרילעווקער, און איר האָט אַ טעות, אויב איר רעכנט, אַז מע וועט זיי איבערמאַכן, און אויב איר מיינט, אַז איך טו מיך מיט זיי שעמען... נאָר מיר קערן זיך אום צוריק צו אונדזער מאַקאַר.

אומזיסט־אומנישט האָבן זיך די כתרילעווקער ייִדן געקויפט א הזהר בגוי מסוכנעם שונא. זיי האָבן זיך פאַרגעסן אינעם פסוק: "הזהר בגוי קטן." זיי האָבן געמיינט, אַז מאַקאַר וועט אייביק זײַן אַ שרײַבערל אין דער מעשטשאַנסקע אופּראַווע. זיי האָבן פאַרגעסן, אַז ער איז אַ "טאַטנס אַ קינד" און שנײַדט זיך אַף אַ טשין. און מערקווירדיק! זיי האָבן גאָר קיין צײַט ניט געהאַט זיך אַרומקוקן, איז שוין מאַקאַר אויסגעוואַקסן אַ גרויסער, אַ געזונטער, מיט געדריכטע שוואַרצע וואָנצעס, מיט אַ רויטן אַקאָלעשעק און מיט אַ קנעפּל אַפן קאַשקעט! און קוים האָט ער אָנגעטאָן דאָס קנעפּל, אַזוי האָט ער זיך באַלד אויסגעבויגן, אַרויסגעשטעלט דעם בויך, געוואָרן העכער און גרעבער ווי ער איז געווען, באַקומען אַ פּאָר ברייטע אַקסלען מיט אַ מאָדנעם שפּאַן — גאָר נישט דער מאַקאַר! ער הייסט שוין גאָר אַ נײַעם נאָמען — מאַקאַר פּאַוולאָוויטש. מיטן וועטערינאַר, מיטן פעלדשער און מיטן פּאָסטמײַסטער, און מיט אַלע. און איז אַ גוטער ברודער מיט אַלע פּריצים אין שטאָט: מיטן וועטערינאַר, מיטן פעלדשער און מיטן פּאָסטמײַסטער איז אים מער צו־

די גוט־ברודערשאַפט זײַנע מיטן פּאָסטמײַסטער איז אים מער צונוץ געקומען, ווי אַלע אַנדערע באַקאַנטשאַפטן. מחמת דאָ, אַף דער פּאָסט, איז געווען אַ קוואַל, פון וואַנען ער האָט געשעפּט זײַן השכּלה און אַלע וויסנשאַפטן פון דער איינציקער גאַזעט "די פּאָן", וואָס פרײַער האָט זי דורכגעקוקט, געוויינלעך, דער פּאָסטמײַסטער אַליין. נאָכדעם מאַקאַר פּאַוולאָוויטש, און נאָכדעם שוין דער אַבאָנענט פון דער גאַזעט, וואָס איז ניט אַ פּריצל פון זלאַדיעווקע, ניט ווײַט פון כתרילעווקע, דער קראַנק געווען צו לייענען די נײַסן שפּעטער מיט עטלעכע טעג, ער רוח וועט אים נישט נעמען, ער שפּילט סײַ ווי סײַ טאָג ווי נאַכט אין סטוקעלקע און באַנעמט די שכנים אַלע אַרום און ווו זיי האָבן ערגעץ אַ גראָשן. אַזוי האָט געזאָגט דער פּאָסטמײַסטער אַליין, און מאַקאַר פּאַוולאָוויטש האָט דערווײַל געהאַט צו לייענען און פון וואָס צו ריידן. און מחמת "די פּאָן", ווי ס'איז באַוווּסט, איז דאָך אַ ייִדישע צײַטונג, זי טראָגט שטאַרק אַפן קאָפּ די ייִדן, זאָרגט זיך פון זייערט־וועגן, זוכט מיטלען ווי אַרום מע זאָל זייערע פּטור ווערן, פאַרשטייט זיך, טאַקע פון זייער טובה וועגן, האָט דאָס געגעבן אונדזער מאַקאַרן שטאָף אַף צו באַקענען זיך גוט מיט ייִדן אַרום און אַרום פון אַלע זײַטן, און ער איז געוואָרן מיט גאָטס הילף אַ חריף אַ געזונטער אין ייִדישע ענינים, אַ גאון־עולם אין תלמוד און אין שלחן־ערוך און אין אַלע ייִדישע דינים און מנהגים: מכּוח פּראַצענט נעמען, מכּוח אָפּנאַרן און אויסנאַרן, און אפילו מכּוח באַנוצן קריסטלעך בלוט אַף פּסח. די אַלע זאַכן האָבן אונדזער פילאָזאָף מאַקאַר אַזוי שטאַרק פאַראינטערעסירט אַז ער האָט דאָס געוואָלט דערגיין טאַקע פונעם מקור, פונעם שורש, טאַקע בײַ די כתרילעווקער ייִדן אַליין, וואָס כאָטש ער האָט זיי פײַנט, ווי אַ ייִד חזיר, פונדעסטוועגן האָט ער צווישן זיי גוטע פרײַנט, וואָס ער לעבט מיט זיי נאָך עד היום גאָר קיין מעשה ניט.



## ז.

### מרדכי־נתן דער נגיד און טעמע־ביילע זײַן "פּרוי".

איינער פון די ערשטע גוטע פרײַנט מאַקאַרס אין כתרילעווקע איז מרדכי־נתן דער נגיד און דער חשוב אין שטאָט, וואָס איז שקול כּנגד אַסאַך, אַסאַך אַנדערע בעלי־בתּים.

דער נגיד מרדכי־נתן, ווי געוויינלעך, אַ נגיד, האַלט די שטאָט בײַ זיך אין בוזעם, טוט מיט איר וואָס ער וויל, וואָרעם ער איז אַ בעל־טאַקסע, ער איז גבאַי, ער איז ראש וראשון, ער איז דער רעדלפירער, ער איז אַלץ — מיט איין וואָרט, ער איז דער נגיד. כאָטש, אַז מע וויל שמועסן אין תּוך אַרײַן: אין וואָס באַשטייט זײַן נגידותשאַפט — דאָס ווייס קיינער נישט. למשל, אַז איר וועט אָנכאַפּן אַ כתרילעווקער און אַ פרעג טאָן אים: וויפל, אַשטייגער, פאַרמאָגט מרדכי־נתן? וועט ער זיך אָפּשטעלן, זיך אַ נעם טאָן באַם בערדל, אַ מאַך טאָן מיטן קאָפּ און אויסציִען מיט אַ ניגון און מיט אַ טיפן זיפץ דערבײַ:

— מרדכי־נתן? כּוץ זײַן שאָדן אַף מיר געזאָגט געוואָרן, כאָטש האַלב, כאָטש אַ הונדערט־חלק; איר שפּילט זיך מיט מרדכי־נתנען? מרדכי־נתן איז אַ ייִד אַ נגיד!

— וואָס־זשע הייסט אַ נגיד? אין וויפל, אַשטייגער, קאָן מען אים שאַצן?

— שאַצן? שײַך זאָגן שאַצן? עס לאָזט זיך דען אָפּשאַצן?

— פאָרט וואָס האָט מרדכי־נתן?

— מרדכי־נתן? ערשטנס, האָט מרדכי־נתן אַ שטוב אָן אייגענע.

— נו?

— מיט א הויף און אייגענעם.

— נו?

— מיט ציגן עטלעכע.

— נו?

— הײַנט א קלייט? א שארפע קלייט!

— נו?

— הײַנט די טאקסע?

— נו?

— ווידער אמאָל נו און אָבער אמאָל נו. וואָס האָט איר זיך צענוקעט? א ייִדן איז דיר נאָך קארג! וואָס האָט איר געוואָלט? ער זאָל עפענען א באנק? שיטן מיט גאָלד? פאָרן אין קארעטעס?

און דער כתרילעווקער גייט אוועק פון אײַך א ברוגזער — און איז גערעכט. וואָרעם וואָס קאָן א מענטש פארלאנגען מער ווי מרדכי־נתן איז, אז ער איז פאָרט דער נגיד, פאָרט דער ראש וראשון, פאָרט דער חשוב אין שטאָט? ווער איז גבאי אין חברה־קדישא? ווער איז ראש וראשון? ווער איז תקיף אין שטאָט? מרדכי־נתן. ווער מאכט אלע שבת־צו־נאכטס א מלוה־מלכהלע פאר די שבעה טובי העיר? מרדכי־נתן. ווער איז א חשוב בא נאטשאלסטווע? מרדכי־נתן. הכלל — מרדכי־נתן, מרדכי־נתן!

מרדכי־נתן, פארשטייט איר, ווייס ווי־אזוי מע באדאַרף זיך באַגיין מיט א וועלט, ווי־אזוי מע באדארף פירן מיט נאטשאלסטווע. אלע פרײַטיק־צונאכטס האָט ער צו־גאסט בא זיך אף פיש דעם פריסטאַוו. דער כתרילעווקער פריסטאוו איז א גרויסער ליבהאָבער פון ייִדישע פיש. און אלע מאָל, ווען ער עסט זיי, קאָן ער זיך גאָרניט אָפלויבן, ווי־אזוי גוט מע קאָכט בא ייִדן פיש, ווי בעטעמט זיי זײַנען, זיס ווי צוקער — ממש ער לעקט די פינגער.

— נעמא לוטשע יאק זשידאָווסקא ריבא סטיאָרטעם כרענאָם! — זאָגט ער אלע מאָל מיט דעם אייגענעם נוסח.

דעם בעל־הבית און דער בעלהביתטע איז דער קאָמפלימענט, אָפנים, שטארק געפעלן, מחמת זיי קוועלן ביידע, ווערן ברייטער ווי לענגער, שוויצן אזש פאר תענוג. און מרדכי־נתן וויל אײַנרייִדן דעם גאסט, אז ס'איז פאראַן בא ייִדן נאָך בעסערס ווי פיש מיט כריין. דער גאסט וויל ניט גלייבן:



— דהיינו?

— דהיינו...

און מרדכי־נתן זוכט עפּעס אזעלכעס בא ייִדן, וואָס זאָל זײַן נאָך בעסער פון פיש מיט כריין, און האָט מורא ארויסזאָגן. צימעס? טאָמער בלײַבט ער ווארטן ביזן צימעס — וואָס דארף ער אים? קוגל? טאָמער הייסט ער עפענען דעם טשאָלנט אין מיטן פרייטיק־צו־נאכטס? א קשיא אף א מעשה, וואָס עס קאָן זיך טרעפן מיט א ייִדישן קוגל?...

און מרדכי־נתן קומט־אָפּ מיט א קליין געלעכטערל: „כע־כע". דערויף ענטפערט אים דער גאסט: „כע־כע־כע". און מרדכי־נתן איז צופרידן, וואָס יענער לאכט. העלפט ער אים לאכן: „כע־כע־כע־כע!" און בשעת מעשה דערלאנגט דער גאסט דעם בעל־הבית מיטן עלנבויגן אין זײַט ארײַן און א שמייכל צו דער בעל־הביתטע, און דער בעל־הבית מיט דער בעל־הביתטע ווערן צעשמאָלצן פאר תענוג.

פלוצעם כאפּט זיך אויף דער גאסט, ווישט זיך אויס די הענט און דאָס מויל מיטן קלאָר ווײַסן טישטעך פונעם טיש, פארשפּילעט זיך אף אלע קנעפּ און טוט א זאָג שוין ערנסט, אָן א שום סימן פון ליצנות:

— צײַט אף „סלוזשבע"!...

און מרדכי־נתן מיט טעמע־ביילען שטייען אויף לכבוד דעם גאסט אים באַגלייטן, קוקן אים אין פנים ארײַן מיט אזעלכע אויגן, ווי א הונט קוקט אפן בעל־הבית, וויל וויסן מיט וואָס ער שמעקט, בייגן זיך און נייגן זיך און בעטן אים, ער זאָל חלילה ניט פארגעסן קומען איבער־אכטאָג שבת...

— מיטן קאָפּ אין דער ערד! — בענטשט אים די בעל־הביתטע אף דער זײַט טיר און קאָכט און זידט און ברענט אפן מאַן, וואָס טאָג ווי נאכט, און אפילו שבת, האָט ער צו טאָן מיט נאטשאלסטווע. מרדכי־נתן הערט און שווײַגט. ער האָט אָנגענומען א פולע מויל מיט וואַסער און שווײַגט. א מאָדנער מענטש אָט דער מרדכי־נתן! דער מחבר פון דער געשיכטע קאָן זיך נישט אײַנהאַלטן און כאפּט אראָפּ דעם פּאָרטרעט פונעם דאָזיקן פּאָרל, בכדי באַקאַנט צו מאכן מיט זיי די גאַנצע וועלט.

מרדכי־נתן איז א ייִד א הויכער מיט לאנגע הענט, אליין איז ער דאַר און טרוקן, און מחמת די באַקן סטערטשען, קומט אויס דאָס פנים פירעקעכדיק, ווי בא א כינעזער, און קוים־קוים באַוואַקסן מיט א שיטער

בערדל. די ליפּן זײַנען בײַ אים תמיד צו. דאָס מויל אביסל אויף אַ זײַט, זעט אויס, ווי ער האַלט אַ סוד בײַ זיך שטענדיק פאַרבאָרגן, און שטענדיק איז ער ערנסט, און דער שטערן איז פול מיט קנייטשן, און רעדט נישט קיינמאָל הויך, קיין איבעריק וואָרט נישט. נאָר דעמאָלט, ווען ער קומט זיך צענויף מיט נאַטשאַלסטווע, איז דאָס גאָר אַן אַנדער מרדכי־נתן: די קנייטשן פונעם שטערן צעגייען זיך, ווערן פאַרשוווּנדן, דאָס פּנים הייבט אָן צו שײַנען און די ליפּן ווערן אָפּגעשלאָסן, און דאָס מויל גלײַכט זיך אויס, הייבט אָן צו ריידן — שוין גאָרניט דער, גאָר אַן אַנדער מרדכי־נתן. טאָמער ווייסט איר, צוליב וואָס קאָכט ער זיך אַזוי אין נאַטשאַלסטווע? נאָר צוליב כּבֿוד, צוליב גדלות. בכדי טאָמער וועט אַמאָל אַ כתרילעווקער עפּעס דאַרפֿן האָבן, וועט ער קומען צו גיין מיט אַ געבעט: „סטײַטש, רב מרדכי־נתן, ווער נאָך איז אַזאַ חשובֿ בײַ נאַטשאַלסטווע, ווי איר?“ צוליב דעם איינעם וואָרט „חשובֿ“ איז בײַ אים כּדאַי, סע זאָל אים קאָסטן אי בזיונות, אי געלט — אַ מאָדנער מענטש אָט דער מרדכי־נתן!

מרדכי־נתנס ווײַב — טעמע־ביילע די נגידית איז דווקא אַ ייִדענע אַ נידעריקע און אַ גראָבע, זעט אויס ווי אַ מעשן שטויסל, אָדער ווי אַ בײַכיק סאַמאָוואַרל מיט אַ קליין שפּיציק טשייניקל אויף דער קאָנפאָרקע. ווי גראָב און קײַלעכיק זי איז פון אונטן, אַזוי קליין און שפּיציק איז דאָס קעפּל, און שטענדיק זידט דאָס, דאָס בײַכיקע סאַמאָוואַרל, זידט און זשומעט, אין כעס אויפן מאַן, אין כעס אויף דער דינסט, אין כעס אויף די כתרילעווקער ציגן, אין כעס אויף די כתרילעווקער ווײַבער, אין כעס אויף דער גאַנצער וועלט! דאָס גאַנצע גליק איז, וואָס סײַ דער מאַן, סײַ די דינסט, סײַ די כתרילעווקער ציגן און ווײַבער, סײַ די גאַנצע וועלט הערן זי, ווי פּסח דעם קאָטער, אָדער ווי המן דעם גראַגער. דער מאַן האָט צו טאָן שטענדיק מיט קהלשע געשעפטן, מיט נאַטשאַלסטווע; די דינסט טוט איר אויף צו־להכעיס, ברענט־צו די קאַשע, פאַרשרפּהט די קאַרטאָפלעס, זידט־איבער די מילך אין אויוון; די כתרילעווקער ציגן טוען איר צום טויט, שפּרינגען אויפן דאַך און צופּן אייניציקווײַז די שטרוי פון דער סטריכע; די כתרילעווקער ווײַבער דערגייען איר די יאָרן אין מאַרק בײַ די פיש, אין יאַטקע בײַם פלייש, אין שול בײַ די תּחינות און להבדיל אין באָד אַפילו... ניין, די וועלט האַלט ניט פון טעמע־ביילען! און מסתּמא איז דאָ פאַרוואָס. אַ וועלט איז נישט משוגע...



אַצינד, אַז מיר האָבן זיך באַקענט מיטן דאָזיקן פּאָרל, קאָנען מיר שוין, דאַכט זיך, רויִק גיין ווײַטער, צו די איבעריקע נפשות, וואָס מרדכי־נתן דער נגיד רײַבט זיך אַרום זיי אַזוי שטאַרק.

ז.

דער „אָדון־בפקדך“ בײַם נגיד אין קלייט און אין שטוב

דער אַנדערער גאַסט בײַ מרדכי־נתן דער נגיד איז אונדזער באַקאַנטער מאַקאַר, מאַקאַר פּאַוולאָוויטש. נאָר ניט קיין שטוב־גאַסט — אַ קלייט־גאַסט, אַ גאַסט, וואָס קומט צו אים אָפט אין קלייט אַרײַן, אין דער שניט־קראָם. מרדכי־נתנס שניט־קראָם, דאַרפט איר וויסן, איז דאָס ערשטע געוועגטשניט אין כתרילעווקע, וואָס דאָרטן קריגט איר אַ כּוח דעמיקיטאָן, ריפּס, ליוסטרינע, פּאַרוסינע, ציץ און זאַנע און מאַדעפּאַלאַן, אויך דראַפּ און טריקאָ און שעוויאָט און סאַמעט און אַטלעס און סאַטין און מוסלין און אַלצדינג, וואָס אַ האַרץ גלוסט — „נאָך די לעצטע מוסטערן, וואָס מע קריגט דאָס ניט אַפילו אין יעהופּעץ“. אַזוי זאָגט מרדכי־נתן, און אַזוי זאָגט מרדכי־נתנס ווײַב, טעמע־ביילע, און אַזוי זאָגן מרדכי־נתנס קלייט־משרתים, און גייט זאָגט זיי, אַז ניין! אַלע פּריצים פון כתרילעווקע און פון דער סביבֿה זײַנען מרדכי־נתנס קונים, און דאָס רובֿ קריסטן גלייבן אים אויף נאמנות, אַז מרדכי־נתן אַליין זאָגט זיי נאָר דאָס וואָרט „בנאמנות“, דינגט מען זיך שוין ניט. טעמע־ביילע מעג זיך שווערן מיט כּל השבֿועות שבעולם, איז דאָס אַרויסגעוואָרפן, און מרדכי־נתנס איין וואָרט „בנאמנות“ איז קודש קדשים. אָט אַזוי איז דאָס — קיין קשיות פרעגט מען ניט.

אויך מאַקאַר איז איינער פון מרדכי־נתנס קונים, וואָס האַנדלען מיט אים אויף נאמנות. מאַקאַר איז זײַנער אַ קונה שוין פון לאַנג, נאָך פון יענער צײַט, אַז ער איז נאָך ניט געווען מאַקאַר פּאַוולאָוויטש, נאָר מאַקאַרקע, און וואָס דעמאָלט פלעגט מרדכי־נתן אים ניט ווען געטרויען אויף באָרג קיין פּאָדעם אַפילו; ער פלעגט זיך ניט שעמען אים זאָגן גאַנץ פּשוט:

— נתן מעות לקח קמח, וואשי הראַשי, נאַשי טאָוואַר.

שפּעטער, אַז מאַקאַר איז געוואָרן אַ שטיקל מאַכער אין דער

אופּראָווע, האָט אים שוין מרדכי־נתן געעפנט אַ קרעדיט, געוויינטלעך, אַף אַ קוויטעלע, אַ וועקסעלע, געזאָגט אים בשעת מעשה שוין מיט אַ שמייכעלע, האַלב אַף גוייִש, האַלב אַף לשון־קודש:

— נע וויבאַטשייטע, פּאַניטשע, שלום בבית משכון בקעשענע...

נאָך שפּעטער, אַז מאַקאַר האָט אָנגעטאָן אַ קנעפּל און אַ הענג־קאָלנער, האָט אים מרדכי־נתן געעפנט אַ שיינעם קרעדיט, און מאַקאַר פּאַוולאָוויטש, אַז ער קומט אַרײַן אין שניט־קראָם אַרײַן, טראָגט אים מרדכי־נתן אַקעגן דאָס בענקל און בענטשט אים מיט אַ טיטל „וואַשע וויסאָקאָבלאַהאָראָדיע", און מאַקאַר פּאַוולאָוויטש צעלייגט זיך גאַנץ ברייטלעך, פאַרוואַרפט אַ פוס אַף אַ פוס, פאַרהויכערט אַ פּאַפּיראָס און שמועסט זיך אויס מיט מרדכי־נתנען גאַנץ פּראָסט, בלשון „דו", גאָר פרײַנטלעך:

— עי, פּאָסלושאַי, מרדכי־נאָס!

און מרדכי־נתן שטייט פאַר אים מיט אַ געמאַכטן דרך־ארץ, מיט אַ געמלאָכהטן רעספּעקט, און טראַכט זיך בשעת מעשה: „פון וואַנען האָסטו זיך גענומען אהער, אָדון בפקדך?" און דער „אָדון בפקדך" מאַכט אַ רייד מכוח ייִדן, ייִדישע געשעפטן, שאַכער־מאַכער, און לאָזט אַרויס אַלע מאָל אַ הויכן געלעכטער מיט אַ מאָדנעם הוסט, וואָס דער־לאַנגט מרדכי־נתנען, ווי מיט אַן אַרשין אין דער זיבעטער ריפּ, נאָר ער האַלט זיך אײַן און שמייכלט מיט אַ פּאַסקודנע געמאַכט שמייכעלע, וואָס ווען מרדכי־נתן זאָל זיך קאָנען אָנקוקן בשעת מעשה אין שפּיגל, וואָלט ער זיך אַליין נמאס געוואָרן.

דער שמועס פונעם „אָדון בפקדך" דרייט זיך אַלץ אַרום אַזעלכע זאַכן, וואָס מרדכי־נתן הערט זיי אין דער לינקער פּאה, אין איין אויער אַרײַן, פונעם אַנדערן אַרויס; וואָס ווײַטער־ווײַטער גייט ער אַריבער אַף אַזעלכע ענינים, וואָס מרדכי־נתן קאָן עס שוין ניט האָרכן, למשל: ער פרעגט בא אים, צי ס'איז אמת, וואָס די ייִדן שילטן אַלע שבת אין שול די איבעריקע פעלקער מיט דער תוכחה, און שפּײַען אָפּן קלויסטער, און אַז אַ קריסט גייט אַוועק פון אַ ייִדן, באַדאַרף מען אויסגיסן נאָך אים די פּאָמעניצע? וכדומה אַזעלכע שטותערייען, וואָס ניט געשטויגן, ניט געפלויגן.

מרדכי־נתן וויל זיך אויסדרייען פון זײַנע הענט, פאַרשלאָגט אים האַקע־באַקע, מכוח אופּראָווע, מכוח קאַראַבקע, סוועטשנע סבאָר. ווער־



וואָס? ער לאָזט זיך נישט פאַרדרייען די ציין, כאַטש גיב אים אַ קרענק! ער טרעט־צו צו אים איין מאָל פאַר אַלע מאָל: ער זאָל זיך אים נאָר מודה זײַן. מרדכי־נתן פּרוּווט זיך מיט אַ ליצנות, פרעגט אים: „ווו האָט דאָס זײַן וויסאָקאָבלאַהאָראָדיע געשטודירט אַזעלכע דינים?" מאַ־קאַר קוקט אים גלײַך אין די אויגן אַרײַן און פאַלט אַף אַזאַ מין המצאה: ער טוט אים אַ כאַפּ פּלוצעם אומגעריכט, ווי זאָגט מען — צוגעקוועטשט צו דער וואַנט:

— נו, און בלוט?

— וואָסער בלוט?

— פּסח?... מצה?... האַ?...

און מרדכי־נתן פאַלט אויך אַף אַ גלײַכער המצאה: ער טוט אַ ריר דעם אָדון איבער דער פּלייצע, אַ גלעט דעם הענג־קאָלנער, און מיט אַ פּאַסקודנע געלעכטערל פון אַ הונט אַ חונפניק טוט ער אים אַ זאָג, אַז דער אָדון איז אַ גרויסער לץ, כע־כע־כע! און אַז דער אָדון הייבט זיך אויף און גייט אַוועק, זאָגט אַף אים מרדכי־נתן אַ שבח, אַז דער „אָדון בפקדך" איז אַ שווערער אָדון, דאָס הייסט, מע קאָן אַף אים ניט זאָגן, ער זאָל זײַן אַ רשע — חלילה! נאָר גלאַט אַ כלב שבכלבים...

איינמאָל — ס'איז געווען שבת באַטאָג — איז מרדכי־נתן דער נגיד געזעסן אין שטוב און געלערנט אַ פּרק; פּלוצעם עפנט זיך די טיר און עס קומט אַרײַן... מאַקאַר כאַלאָדנע! פריִער האָט זיך אונדזער נגיד אַביסל ווי דערשראָקן, פאַרוווּנדערט: ווי קומט דער „אָדון בפקדך" אהער פּלוצעם נאָכן שלאָף? נאָכדעם האָט ער אים געמאַכט זייער אַ פרײַנטלעך פּנים און מיט אַ שמייכל געבעטן אים זיצן, אויסגעטאָן דאָס שבתדיקע היטל און געבליבן אין דער יאַרמלקע און אַ געשריי געטאָן צום ווײַב:

— טעמע־ביילע! הער נאָר, גיב אהער עפּעס אין מויל אַרײַן!

טוט מאַקאַר אַ מאַך מיט דער האַנט:

— מע דאַרף ניט. איך בין געקומען צו דיר מכוח אַן ענין, ס'איז אַ סוד...

דערהערט דאָס וואָרט „אַ סוד", כאַפּט זיך אויף מרדכי־נתן און וויל צוקייטלען די טיר. נעמט אים אָן מאַקאַר בא דער האַנט:

— מע דאַרף ניט, ס'איז ניט אַזאַ סוד, וואָס מע זאָל זיך דאַרפן פאַרשליסן. איך האָב דיך נאָר געוואָלט פרעגן אַ קלייניקייט, דו ביסט

א קלוגער מענטש און אן ערלעכער, בא דיר וועל איך וויסן דעם רעכטן אמת.

מרדכי־נתן גלעט זיך די פאות מיט גדלות און איז שטארק צופרידן פונעם קאמפלימענט. די אויגן ווערן אים אזש ווי מיט פעטן איבערגעצויגן. ער ווערט צעשמאלצן פאר תענוג, און סע טוט אים באנג, וואס ס׳איז קיינער נישטא דערביי.

— מסתמא האסטו דאך געהערט די מעשה מיטן מיידל? — פרעגט אים מאקאר און קוקט אים גלייך אין די אויגן אריין, ווי א סלעדאוואטעל.

מרדכי־נתן שטעלט אויף די אויערן, ווי א האז.

— מיט וואסער מיידל?

— מיטן מיידל, וואס יידן האבן זי געקוילעט און האבן אפגעצאפט פון איר דאס בלוט און באהאלטן דאס אף פסח.

פריער צעלאכט זיך מרדכי־נתן מיט זיין דריבנע געלעכטער: כע־כע־כע! און נאכדעם ווערט דאס פנים בלאס און גרין און די אויגן צינדן זיך אן מיט פייער.

— שקרים וכזבים! — זאגט מרדכי־נתן און טרייסלט מיטן קאפ, און די פאות שאקלען זיך.

— סטייטש, מע שרייבט אין די גאזעטן! — זאגט אים מאקאר און לאזט נישט אראפ פון אים קיין אויג.

— די גאזעטן לייגן, ווי די הינט! — שרייט־אוים מרדכי־נתן.

— די גאזעטן שרייבן, אז ס׳איז פאראן א פראטאקאל. — פרוווט זיך מאקאר אים איבערשפארן. — איך האב אליין געלייענט, אז ס׳איז פאראן א פראטאקאל.

— שקר וכזב! — שרייט מרדכי־נתן אין איין קול און טרייסלט מיט דער יארמלקע, און די פאות ציטערן.

— וואס איז שקר וכזב? — פרעגט אים מאקאר, שוין רויט פאר כעס. — דאס, וואס איך דערצייל דיר? צי דאס, וואס סע שטייט אין פראטאקאל?

— אלצדינג איז שקר וכזב! אלצדינג! פון אנהייב ביזן סוף! ניט געשטויגן, ניט געפלויגן!

בשעת מעשה מאכט מרדכי־נתן מיט די הענט, מיטן פנים, מיט די אויגן, מיט די פאות און מיט אלע אברים און ציטערט אזש פאר





כעס. מאקאר האט אים קיינמאל ניט געזען אזוי אין כעס, און האט דערפון אפגעלערנט זיך א פשט, אז ניט אומזיסט איז דער ייד אזוי אויפגעטראגן. די משמעות, אז ס׳איז אמת די מעשה; אניט, וואס שרייט ער אזוי? וואס ווארפט ער זיך אזוי? נאר אן עזות פון א יידן — זאגן אף אלצדינג, וואס סע שטייט געשריבן, אז ס׳איז שקר וכזב! און מאקאר כאלאדנע שטייט אויף מיט גרוים גרימצארן, רוקט אן אף זיך דאס היטל מיטן קנעפל און טוט א זאג:

— פאר אזעלכע ווערטער וועסטו האבן צו געדענקען!

און ער לאזט זיך גיין צו דער טיר, און תיכף נאך אים שטייט אויף מרדכי־נתן און האט שוין חרטה אף דער גאנצער מעשה און וויל אים איבערבעטן, פארקערעווען אים צוריק, און ער לויפט אים נאך:

— פאני!... וואשע וויסאקאבלאהאראדיע!... מאקאר פאוולאוויטש!... מאקאר פאוולאוויטש!...

בלאטע! מאקאר פאוולאוויטש איז שוין לאנג אף יענער זייט טיר, און מרדכי־נתן דער נגיד איז אוים מענטש פאר הארצווייטיק און פאר גריזאטע, טאמער האט ער טאקע געזאגט אן איבעריק ווארט, דער רוח האט אים אנגעטראגן! און ווי אף צו־להכעים, קומט אן טעמע־ביילע און טשעפעט זיך צו צו אים, ער זאל איר זאגן, וואס האט דא געטאן דער „אדון בפקדך״? וואס איז ער אזוי גיך אוועק? און למאי האט ער אזא קלאפ געטאן מיט דער טיר?

— גיי פרעג אים! — האט איר מרדכי־נתן געענטפערט מיט כעס.

— זע נאר, זע, ווי ער איז דאס א ביסל אין כעס! אף וועלכער זייט ביסטו דאס אויפגעשטאנען היינט, און וואס פאר א חלום האט זיך דיר געחלומט?

— היפטל קרויט!!! — שרייט אוים מרדכי־נתן דער נגיד אף אזא קול, אז דאס ווייב איז שיער נישט געפאלן חלשות, און ער אליין האט זיך איבערגעשראקן פאר זיין שטימע, און אויך די דינסט, א שווארץ ווייבל א ליטוועטשקע, איז ארייננגעלאפן פון קיך, נישט טויט, נישט לעבעדיק, מיט א גוואלד:

— א קלאג צו אייך! איר האט דאך מיך איבערגעשראקן אף טויט!

איז טעמע־ביילע אָנגעפאַלן אַף איר און צעלאָזט זיך מיטביידע קולאַקעס, און מרדכי־נתן אַף זיי ביידע, און ס'האָט זיך אויסגעלאָזט מיט אַ סקאַנדאַל, וואָס ס'איז גאָרנישט כדאַי דאָס צו באַשרײַבן.

## ח.

### כתרילעווקע אײַלט זיך אין וועג אַרײַן

פון דעמאָלט אָן האָט זיך אָנגעהויבן פאַר כתרילעווקע אַ צײַט פון צרות, יסורים און אומזיסטע פחדים. קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס איז די מעשה, וואָס מאַקאַר כאַלאַדנע איז געוואָרן נאָך אַ גרעסערער שונא־ישראל, ווי ער איז געווען, און פאַרוואָס זעט מען אים נישט באַם נגיד אין קלייט? דער נגיד אַליין האָט זיך, אַפּנים, געשעמט און אַראָפּגעשלונגען די מעשה, נישט דערציילט קיינעם, און מאַקאַר האָט געגראָבן ווי ווײַט ער האָט געקאָנט, זיך געריצט מיט די כתרילעווקער ייִדן, זיי אָנגעזאָגט אַלע מאָל אַ נײַע בשורה, אַז נישט לאַנג נאָך וועלן זיי דאָ געוועלטיקן, מע וועט באַ זיי נעמען דין וחשבון: פון וואַנען נעמט זיך צו זיי זייער גוטס? מענטשן וואָס האָרעווען נישט, גראָבן נישט און זייען נישט און שנײַדן נישט, נאָר מע עסט פונעם גרייטן — פאַרוואָס קומט דאָס זיי? וכדומה אַזעלכע טענות, וואָס ער האָט זיך מיט זיי אָנגעלייענט אין דער גאַזעט „די פאָן". און פונקט אין יענער צײַט האָט זיך אים געטראָפן דער בזיון מיט האַפּקען, וואָס ער איז דורך איר געשטרויכלט געוואָרן, שיער נישט אַרײַן אין אַ גרויסן אומגליק, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט פאַרבײַגייענדיק אין אַ פריִערדיקן קאַפּיטל. און אַז גאָט האָט געהאָלפן, מאַקאַר איז אַרויס פונעם עסק ריין, האָט ער ערשט דעמאָלט אָנגעהויבן גראָבן אַף די כתרילעווקער ייִדן, זיי געגעבן אָנצוהערעניש, אַז אָט־אָט וועט מען מיט זיי לערנען בלק, און גראָד דעמאָלט איז אָנגעקומען דאָס גוטע בריוול פונעם שוחטס אײדעם, וואָס איז געגאַנגען מיד ליד איבער דער גאַנצער שטאָט, און זיידל מיט זײַנע „בלעטער" האָט אונטערגעגעבן היץ, געגאָסן בוימל אַפן פײַער, און מעשיות זײַנען געגאַנגען איבער דער שטאָט, איינע שרעקלעכער פון דער אַנדערער, און ס'איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז דאָ אין כתרילעווקע וועט אין גיכן אויך זײַן „דאָס אייגענע"...



פון וואַנען האָט זיך עס גענומען? ווער איז דער ערשטער, וואָס האָט אַרויסגעלאָזט דער דאָזיקן קלאַנג? — דאָס ווייס מען נישט עד היום און מע וועט דאָס נישט וויסן קיינמאָל, אייביק! דער היסטאָריקער, וואָס וועט זיך נעמען אַמאָל באַשרײַבן די געשיכטע פון די כתרילעווקער ייִדן, אַז ער וועט קומען צו דעם שטיקל צײַט, לייענען די אַלע פּאַפּירן מיט די אַלע בלעטער, וועט ער געוויס בלײַבן פאַרטראַכט מיט דער פעדער אין האַנט, זײַנע מחשבות וועלן אים פאַרטראָגן ווײַט־ווײַט...

מע ווייס נישט, ווי אַזוי דאָס איז געוואָרן און פון וואַנען דאָס האָט זיך גענומען, נאָר ס'איז אַרויס אַ נײַס אין שטאָט, אַז מע גייט אַף כתרילעווקע, דרײַ דערפער מיט אַ מאָל... און אין איין פרימאָרגן איז געווען כתרילעווקע אויפגעשטאַנען ווי איין מענטש, און מע האָט זיך גענומען פּאַקעווען, קינדער און בעטגעוואַנט און שמאַטעס, דאָס גאַנצע ביסל כתרילעווקער אָרעמקייט, ראַטעווען ווי פון אַ שרפה און קלייבן זיך אין וועג אַרײַן — וווּהין? וווּהין די אויגן וועלן טראָגן! בשעת מעשה האָבן מוטערס אַרומגענומען זייערע ברעקלעך קינדער, צוגעטוליעט צו דער ברוסט און מיט טרערן אין די אויגן זיי געקושט און געהאַלדזט און געהאַלובעט, גלײַך ווי עמעצער האָט זיי געוואָלט חלילה אַוועקנעמען, גלײַך ווי עמעצער דאַרף זיי האָבן...

און כתרילעווקע האָט אָנגעהויבן צו שליסן איין קלייט נאָך דער אַנדערער, קוקנדיק איינס אויפן אַנדערע און באַהאַלטנדיק זיך איינס פון דאָס אַנדערע, און מע האָט זיך געאײַלט, געכאַפּט איטלעכער וואָס פריִער, וואָס גיכער. כוועדאָרן האָט מען יענעם פרימאָרגן שיער נישט צעריסן אַף שטיקלעך. איטלעכער האָט אים געשלעפּט צו זיך העלפן פּאַקעווען, אונטערגערוקט אים פון אַלע זײַטן, אַז קיינער זאָל נישט זען, ווער אַ גריוונע און ווער אַ פּיטאַקל. קיינמאָל איז כוועדאָר נישט געווען נאָך אַזאַ חשוב אין כתרילעווקע, ווי יענעם טאָג, און קיינמאָל האָט נאָך כוועדאָר אַזוי נישט מאסף ממון געווען, ווי דעמאָלט, און מע האָט אים אַזוי אָנגעשטאָפּט מיט געלט, ביז ער האָט אַ שפּײַ געטאָן: „נעכיי יאָמו סטאָ טשערטיוו אי אָדנאַ ווידמאַ!" — און איז אַוועק אַהין, ווו אַלע מאָל, און געמאַכט אַ שיינע כוסה לכבוד די כתריקעווקער בעלי־בתים, וואָס פאָרן אַוועק, און אַז ער איז געוואָרן רעכט פּאַרטיק, האָט ער אָנגעהויבן אַרבעטן, מאַכן מיט די קולאַקעס און שרײַען, אַז ס'איז שוין

לאַנג צײַט, מע זאָל פּטור ווערן פֿון די כתרילעווקער ייִדן — און, מעשה שטן, האָט באַדאַרפֿט דורכגיין פֿאַרבײַ סאַמע מאַקאַר כאַלאָדנע מיטן אָדון דעם פּאָסטמײַסטער און דערהערן, ווי כוועדאָר אַרבעט מעשים אַף די ייִדן, האָבן זיך ביידע אדונים אָפּגעשטעלט און דערזען, אַז די ייִדן פּאַקעווען זיך, גרייטן זיך עפּעס זייער שטאַרק אין וועג אַריין, איז דאָס זיי געווען קשה, און זיי האָבן זיך גענומען ביידע נאָכקוקן: וווּהין לויפֿן דאָס די ייִדן?

דאָס נאָכקוקן פֿון די אדונים האָט אָנגעמאַכט נאָך אַ גרעסערע בהלה צווישן די ייִדן און מע האָט אָוועקגעוואָרפֿן דאָס פּאַקעווען זיך; כאַפּט דער רוח דאָס בעל־הבתישקייט! דאָס לעבן, דאָס לעבן איז טײַערער!... און מע האָט אָפּגעדונגען ווו ס'איז געווען ערגעץ אַ פֿורל, אַ פֿערדל, אַ פּאָר אָקסן, און מע האָט זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן באַצײַטנס, און גיך־גיך, בחפּזון, כמעט אַזוי כאַפּנדיק, ווי בשעת מען איז אַרויסגעגאַנגען פֿון מצרים.

פֿריִער פֿון אַלע זײַנען געפֿלויגן די אָדלערס, געוויינטלעך, די כתרילעווקער בעלי־עגלות מיט די גרויסע בוידן און ביידלעך; דאָרט זײַנען געזעסן רב מרדכי־נתן דער נגיד מיט זײַן גאַנצער משפּחה און די אַלע איבעריקע נגידים מיט זייערע משפּחות. נאָך זיי האָבן זיך געשלעפּט די גויִשע פֿורלעך, אָנגעזעצט מיט ווײַבער און מיט קינדער און מיט אַלע קראַנקע נפֿשות, און הינטן זײַנען געגאַנגען די מאַנצבילן, די געמיינע בעלי־בתים, דאָס וואָס סע ווערט אָנגערופֿן דער המון, נעבעך עולה־רגל געווען מחילה צו פֿוס, און געגאַנגען גיך, מורא געהאַט זיך אַרומקוקן, טאָמער יאָגט מען זיי נאָך פֿון הינטן, טאָמער בעט מען זיי חלילה צוריק....

שטיל איז געוואָרן אין כתרילעווקע, לײדיק, פּוסט, ווי אַף אַ בית־עולם. נישט געבליבן קיין נפֿש. פֿון לעבעדיקע נפֿשות זײַנען געבליבן אין שטאָט נאָר די ציגן, דאָס גאַנצע ייִדישע פֿאַרמעגן אין כתרילעווקע, און האָפּקע די געשטופּלטע, און דער בעדער מיט דער בעדערן, און, להבדיל באַלף אַלפֿי הבדלות, דער אַלטער רב רב יוזיפֿל.

איבער די דאָזיקע אַלע לעבעדיקע נפֿשות וועלן מיר ריידן פֿון איט־לעכן אין אַ באַזונדער קאַפּיטל.



## ט.

### לאָזט זיך אַרײַן אַ ביסל אין חקירה

די געלערנטע, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט דער נאַטור, וואָס קוקן זיך צו און ווייסן די טבע פֿון יעדן באַשעפֿעניש, פֿון איטלעכס גרעזעלע, ווײַזן אויף מיט ראיות, אַז קיין זאַך אַף דער וועלט גייט נישט לאיבוד, ווערט נישט פֿאַרפֿאַלן, שטאַרבט נישט אַוועק. אָט דאָס וואָס מיר זאָגן, למשל, אַז דער בוים איז געוואַקסן, די צווײַגן האָבן געבליט, געגעבן אונדז פּירות; נאָכדעם האָבן מיר די פּירות אָפּגעריסן און אויפֿגעגעסן, די צווײַגן האָבן אָפּגעבליט, די בלעטער זײַנען אָפּגעפֿאַלן, דעם בוים האָבן מיר אויסגעהאַקט, דאָס האָלץ האָט זיך אויסגעהייצט — דאַכט זיך, אַן עק? אוים בוים? ניין, — זאָגן די געלערנטע — ס'איז נישט אַזוי די מעשה! דער בוים, זאָגן זיי, האָט זיך נאָר צעטיילט אַף זײַנע יסודות; פֿון די פּירות זאָגן זיי, האָבן מיר געהאַט חיות, די בלעטער האָבן מיר געשמעקט, דאָס האָלץ האָט אונדז געוואַרעמט, און דער בוים האָט גע־לעבט, און מיר האָבן געלעבט, און אַז מיר זײַנען געשטאָרבן, האָט מען אונדזער קערפּער אַרײַנגעלייגט אין דער ערד אַרײַן, און מיר זײַנען זיך צעגאַנגען אַף יסודות; אַף אונדזער קבר איז אויסגעוואַקסן אַ גרעזעלע, דאָס גרעזל האָט געגעסן די ציג און באַקומען דערפֿון מילך, די מילך האָט געטרונקען דאָס קליינע קינד, געהאַט דערפֿון חיות, געוואַקסן, אויסגע־וואַקסן, אָפּגעלעבט און געשטאָרבן, צעטיילט זיך ווידער אַף יסודות, ווידער אַ גרעזעלע, ווידער ציגן, ווידער מילך, ווידער קליינע קינדער, און אַזוי ווײַטער און ווײַטער, ביז עק וועלט.

איר שטויסט זיך שוין מסתמא, וווּהין די חקירה גייט? דאָס גייט אַף די אַלטע צעוואָרפֿענע קברים פֿונעם אַלטן כתרילעווקער בית־הקברות פֿון כמה וכמה יאָרן. די דאָזיקע קברים און די דאָזיקע ציגן און די דאָזיקע ייִדן אין כתרילעווקע — דאָס אַלצדינג איז אינאיינעם אַ מין קייט, וואָס קייטלט זיך פֿון אַ סך, אַ סך יאָרן, און מי יודע, וויפֿל יאָר עס וועט זיך נאָך אַזוי קייטלען...

אויב איר ווילט וויסן, וויפֿל יאָר כתרילעווקע איז אַ ייִדישע שטאָט, באַדאַרפֿט איר נישט זוכן אין די אַלטע בלעטער פֿון דער היסטאָריע — איר וועט זיי נישט געפֿינען. איר דאַרפֿט זיך נאָר מטריח זײַן אַפֿן אַלטן

כתרילעווקער בית־עולם און באַטראַכטן די אַלטע־אַלטע קברים מיט די אַלטע אײַנגעבויגענע מצבות, פּראָסטע הילצערנע מצבות, פּראָסטע גראָע שטיינער, וואָס שטייען כורעים, אײַנגעבויגן פֿון אַ סך אַ סך יאָרן: וואו־ניט־וואו וואַרפֿן זיך דורך אויף די שטיינער האַלב־אָפּגעריבענע בלייכע אותיות: „דאָ ליגט באַהאַלטן אַ ייִד אַ רב, אַ צדיק אַזעלכער און אַזעלכער"; „דאָ ליגט בהאַלטן אַ אשה צנועה און חכמה אַזעלכע און אַזעלכע". דאָס יאָר איז שווער איבערצולייענען — נאָר מע פֿאַרשטייט, אַז ס'איז שוין לאַנג, וואָרעם אַ סך מצבות זײַנען שוין לאַנג צעפֿאַלן, און אַ סך קברים זײַנען שוין לאַנג פֿאַרוואַקסן מיט גראָז, און ציגן, די כתרילעווקער ציגן, וואָס האָבן נישט וואָס צו עסן, שפּרינגען אַריבער דעם שוין לאַנג אײַנגעפֿאַלענעם פּאַרקאַן און פּאַשען זיך אויף דעם דאָזיקן גראָז, און ברענגען אַהיים פֿולע אייטערס מיט מילך, און די אָרעמע ייִדישע קינדער אין כתרילעווקע האָבן וואָס צו עסן, פֿון וואָס צו ציִען כּוח. און ווער ווייס, ווער די דאָזיקע ציגן זײַנען? אפשר שטעקט אין זיי אַ נשמה פֿון אַ מענטשן, און נאָך פֿון אַ גאַנץ נאָענטן מענטשן? ווער ווייס, ווי נאָענט עס זײַנען געבונדן צווישן זיך די דרײַ מינים: דאָס אַלטע כתרילעווקער בית־הקברות, די דאָזיקע ציגן, וואָס פּאַשען זיך דאָ, און טאַקע זיי אַליין, במחילה כבודם, איך מיין די כתרילעווקער ייִדן?

אויף אַזאַ מין חקירה האָט מיך אַרויפֿגעטריבן דאָס אויסזען פֿון די דאָזיקע ציגן אין יענעם טאָג, וואָס די כתרילעווקער ייִדן זײַנען זיך צעלאָפֿן און איבערגעלאָזט אויף גאָטס גענאָד זייער גאַנץ פֿאַרמעגן, זייערע ציגן.

אין דרויסן איז געווען נאָך פּסח, דער שניי איז שוין לאַנג אַראָפּ פֿון דער ערד, געלאָזט דאָס יונגע גרעזעלע זאָל זיך שפּראָצן, ציִען צו דער וואַרעמער זון און באַגרינען און באַשיינען גאָטס וועלט און יעדן אָרט, וווּ מענטשן לאָזן דאָס וואַקסן. כתרילעווקע איז אָבער — אוי ווײַ! — נישט קיין אָרט פֿון פֿריש גראָז און נישט קיין אָרט פֿון שמעקענדיקע ביימער. כתרילעווקע איז אַן אָרט פֿון בלאָטע, פֿון זאַמד און פֿון פּאָראָך און פֿון געדיכטער פֿאַרפּושטער לופֿט, וואָס מע קאָן פֿון איר דערוואָרגן ווערן, און פֿון נאָך אַ סך אַזעלכע גוטע ליבע זאַכן. גרין גראָז קאָנט איר געפֿינען נאָר סײַדן אויפֿן בית־עולם, און אַהין האָט דאָס מיך מיין כּוח־הדמיון, מײַן פֿאַנטאַזיע, אַוועקגעטראָגן אין יענעם טאָג פֿון דער גרויסער בהלה, און דאָרט האָב איך באַטראַכט די גאַנצע טשערעדע פֿאַרלאָזטע,



פֿאַריתומטע ציגן, און עס האָט מיר פֿאַרקלעמט דאָס האַרץ, ווי אויף די ציגן נעבעך, אַזוי אויך אויף די קליינע ייִדישע קינדער, וואָס זײַנען געבליבן דעם טאָג אָן אַ ביסל מילך. קוקנדיק אויף די אָרעמע ציגן ווי זיי שטייען, מעלה־גרהן, מאַכן מיט די בערדלעך, קוקן משונה־מאָדנע נאַריש־פֿאַרטראַכט, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז זיי זאָגן צו מיר: „פֿעטער! אפֿשר ווייסט איר, וווּ זײַנען אונדזערע בעלי־הבתים און בעל־ביתטעס? צו וועלכע גוטע יאָר זײַנען זיי זיך צעלאָפֿן?..."

איך לאָז איבער דאָס פֿעלד, דאָס הייליקע אָרט פֿון כתרילעווקע, און גיי מיר דורך מיט אײַך אין שטאָט אַרײַן, זען די איבעריקע נפֿשות, וואָס זײַנען איבערגעבליבן פֿון דער גרויסער בהלה אין כתרילעווקע.

דאָס מיינט מען דעם בעדער מיט דער בעדערן און זייער קעסטקינד, דעם אַלטן שוואַכן רב יוזיפֿל.

ז.

### שמועסט וועגן דעם רב רב יוזיפל

אַ סך מאָל האָב איך אײַך דערמאָנט און אַרויסגעבראַכט אין מײַנע אמתע, נישט־אויסגעטראַכטע מעשׂיות איינעם פֿון מײַנע באַליבטסטע פּאַרשוינען, דעם רב און דעם רבין פֿון כתרילעווקע, רב יוזיפֿל, און קיינמאָל האָב איך זיך נישט אָפּגעשטעלט אויף אים, איך זאָל אײַך מיט אים באַקענען, ווי עס געהער צו זײַן. איך ווייס, אַז ס'איז פֿון מיר אַ גרויסע עוולה. לאָם איך כאָטש אָט אַ ממלא זײַן דעם דאָזיקן חסרון.

רב יוזיפֿל איז אַן אַלטער מאַן, אַ זקן און אַ קראַנקער און פֿון תמיד אָן נישט קיין איבעריקער גבֿר, אַ צעבראָכענער גוף, דערפֿאַר אָבער מיט אַ נשמה אַ גאַנצע, אַ געזונטע און אַ ריינע: און דווקא אין דעם דאָזיקן קראַנקן גוף האָט גאָט אַרײַנגעזעצט די דאָזיקע תמיד־יונגע און שטענדיק פֿרישע נשמה און אָנגעזאָגט איר, זי זאָל זיך האַלטן, לאַנג האַלטן, ביז עס וועט קומען די רעכטע צײַט, וועט איר גאָט אַליין זאָגן: „קום, שוין צײַט אין גן־עדן אַרײַן"...

און געווים אין גן־עדן אַרײַן — ס'איז גאָר קיין ספֿק נישט! וואָרעם דעם גיהנום מיטן חיבוט־הקבר מיט די אַלע איבעריקע גוטע זאַכן, וואָס וואַרטן אויף אונדז דאָרטן, האָט שוין אונדזער רב יוזיפֿל, דאַנקען גאָט, איבער־

געלעבט דאָ, אױף דער װעלט. נישטאָ אײן צרה, אײן שלאָק, אײן פּורעניות, װאָס רב יוזיפל האָט דאָס נישט פאַרזוכט פון דעם װאָס לעבט אײביק. דער װאָס לעבט אײביק האָט, אַפּנים, געװאָלט אױספּרוּװן זײַן געטרײַען קנעכט רב יוזיפל, האָט ער געהאַלטן אין אײן שיטן אױף אים צרות פון דער ברײטער האַנט, כּדומה למשל, װי מע באַשיט אַ חתן מיט ניסלעך. אײנס נאָכן אַנדערע האָט ער בײַ אים צוגענומען די קינדער, פּרוּער, גע־װײנטלעך, גוט אָנגעמוטשעט זײ; נאָכדעם — דאָס װײַב פרומע־טעמע די רביצן, די צדיקית, װאָס זי איז געװען פאַר אים אַ געטרײַע מאַמע; נאָכדעם האָט ער אים צוגעבױגן אַ ביסעלע צו דער ערד, אים מזכּה געװען מיט שײנע עטלעכע קרענק אױף דער עלטער, אים איבערגעלאָזט װי אױפן װאַסער, עלנט און אָרעם און שװאַך. און בכּדי ער זאָל פילן דעם אמתן טעם פון גיהנום, האָט ער אַרײַנגעגעבן אַ זין די כּתרילעװקער ייִדן, זײ זאָלן קרױנען אַ נײַעם רב, אַ יונגן רב, און אים, דעם אַלטן רב יוזיפל, זאָל מען אױף דער עלטער בעטן מחילה און באַזעצן אים ערגעץ בײַם בעדער מיט דער בעדערין, ער זאָל דאָרטן דערלעבן דאָס איבעריקע ביסל יאָרן. דאָ האָט דער רבונו־של־עולם געקאָנט רעכענען פאַר זיכער, אַז דער דאָ־זיקער רב יוזיפל װעט שױן מסתּמא געװיס זינדיקן מיטן מױל כאָטש, אַזױ װי איוב פאַרצײַטן האָט זיך אױך געמוטשעט אַזױ לאַנג, ביז ער האָט זיך נישט געקאָנט מער אײַנהאַלטן און פאַרשאַלטן זיך דאָס געבײן.

נישט אַזאַ מענטש אָבער איז געװען אונדזער אַלטער רב יוזיפל, אַ סך, אַ סך זאַכן איז רב יוזיפל דערגאַנגען מיט זײַן אײגענעם שׂכל. ער איז דערגאַנגען מיט זײַן אײגענעם שׂכל, אַז אַלע צרות און יסורים, װאָס דער אײבערשטער האָט אים מזכּה געװען, איז — אײנס פון די צװײ: אָדער דאָס איז נאָר אַ פּרוּװ, אַן אָנשיקעניש פון זײַן ליבן נאָמען, אַן אָפּקומעניש דאָ, אױף דער נאַרישער זינדיקער װעלט, בכּדי ער זאָל דאָרטן באַקומען דערפאַר זײַן שׂכר בכפל כּפלים, אָדער ער האָט דאָס טאַקע כּשר פאַרדינט; און טאָמער נישט ער אַלײן פאַר זײַנע אײגענע זינד — איז פאַר זײַנע אָרעמע זינדיקע ברידער, די קינדער ישׂראל, װאָס זײַנען ערבֿ אײנס פאַר׳ן אַנדערע און זײַנען מחויבֿ אָפּקומען אײנס פאַר׳ן אַנדערע, װי אַ מין אָרטעל, למשל, װאָס טאָמער כאַפּט מען אײנעם אין אַ גנבֿה, באַדאַרף לײַדן דאָס גאַנצע אָרטעל, איטלעכער װעד־ליק אױף זײַן חלק... אַזױ איז רב יוזיפל דערגאַנגען מיט זײַן אײגע־נעם שׂכל, און האָט זיך אױף זײַן לעבנס־טאָג קײנמאָל נישט באַקלאָגט,



זיך אױסגעטאָן פון דער װעלט מיט אַלע אירע תּענוגים, זי לחלוטין מבֿטל געװען מיט אַ שמײכל פון אַ גרױסן, גרױסן פילאָזאָף, און דערמיט האָט ער זיך געקױפט גרױס ליבשאַפט בײַ די כּתרילעװקער לײַט, װאָס כאָטש ער איז שױן קײן רב בײַ זײ נישט געװען, און די הכנסות, װאָס האָבן געהערט צו אים, האָט שױן צוגענומען דער נײַער רב, פונדעסטװעגן האָט ער געהאַט דעם זעלבן כּבֿוד װאָס תּמיד, דעם זעלבן אױבנאָן אין בית־המדרש, און אַפילו דער נאָמען „רבי" איז אים אױך איבערגעבליבן, װי פרוּער. דער חסרון איז אָבער געװען, װאָס מיטן נאָמען „רבי" אַלײן קאָן מען נישט לעבן; דער גוף מאָנט זיך זײַנס, װאָס ס׳נישט איז, אַבי עפּעס אין מױל אַרײַן, צו דערהאַלטן די נשמה... זײַנען די כּתרילעװ־קער לײַט געפאַלן אױף אַ המצאה: אַזױ װי די כּתרילעװקער באָד איז דאָך אַ קהלשע באָד, זאָל די הכנסה פון דער באָד געהערן צום אַלטן רב, און דאָרטן טאַקע זאָל ער װױנען. דאָס הײסט, נישט אין באָד גופא; נאָר אַזױ װי בײַ דער באָד איז פאַראַן אַ שטיבל, דאָרט װוּ ס׳זיצט דער בעדער מיט דער בעדערן, איז דאָרט פאַראַן אַן אַלקערל, װעט ער זיך קאָנען דאָרטן רוּיִק זיצן און לערנען.

לערנען? סע רעדט זיך אַזױ: װי קאָן שױן רב יוזיפל לערנען, אַז די ראיה איז אים, נישט פאַר אײַך גערעדט, אַזױ געשלאָגן, אַז קױם װאָס ער זעט די ליכטיקע שײַן? פונדעסטװעגן, האָט קײן יסורים נישט. אַ תּלמיד־חכם, װי אַלט ער זאָל נישט זײַן, געפינט ער זיך אַן אַרבעט. קאָן ער נישט לערנען אינעװײניק, לערנט ער אױסװײניק, זאָגט ער עפּעס, דאַװנט ער, אָדער גלאַט אַזױ ער טראַכט. און טראַכטן איז דאָ פון װאָס! פון דער װעלט טראַכט דער אַלטער רב יוזיפל, און פון דעם בורא פון דער װעלט, פון דעם באַשאַפער, װאָס ער איז גערעכט און אַלע זײַנע ט ו ע כ צ ן זענען רעכט! און פון זײַן פאָלק ישׂראל, װאָס ער שטראָפט דאָס, װי אַ ליב קינד, און פון אַלע איבעריקע פעלקער, און פון אַלע באַשעפענישן אױף דער ערד, פונעם גרעסטן װיזלטיר ביז דער מינדסטער מילבּ, ביזן קלענסטן װערעמל אונטערן שטײן, װאָס ער טוט טאָן שפּײַזן מיט זײַן ברײטער האַנט. דערפון איז אָפּצולערנען אַ קל־וחומר: „מה־דאָך אַ מילבּ, אַ װערעמל אַזױ, הײַנט לאָ כּל־שכּן שױן אַ מענטשן, און לאָ כּל־שכּן אַ ייִד!"... אַזױ טראַכט זיך רב יוזיפל און איז צופרידן מיט גאָט און מיט דער װעלט און מיטן פאָלק ישׂראל און מיט זיך און מיט זײַנע געדאַנקען, װאָס ער זאָגט זײ אַרױס נישט

איין מאָל גאַנץ הויך, אַלע זאָלן הערן. און ווי אומעטום, אַזוי זײַנען אויך אין כתרילעווקע פֿאַראַן מענטשן חקרנים, גריבלער, וואָס האָבן ליב פֿרעגן קשיות; פּרוּוון זיי זיך אַ ביסל אָפּלצעווען פֿון אַלטן רבין און פֿרעגן אים אַ קלאָץ־קשיא:

— איר זאָגט, אַ מילב? אַ ווערעמל, זאָגט איר? ענטפֿערט זשע אונדז, רבי, אַ תּירוץ דערויף: ווי באַלד, אַז דער אייבערשטער איז יאָ אַזאַ גרויסער גאָט און אַ גוטער גאָט און אַ דערבאַרעמיקער גאָט, וואָס שפּייזט אַפֿילו אַ ווערעמל אונטערן שטיין, הײַנט למאַי שפּייזט ער נישט זײַנע כתרילעווקער ייִדעלעך? שוין זשע זײַנען מיר קלענער פֿון אַ מילב, קלענער נאָך פֿונעם קלײנעם ווערעמל, וואָס אונטערן שטיין?...

— וואָס פֿאַר אַ קינדער איר זײַט! — ענטפֿערט זיי דער אַלטער מיט אַ שמייכעלע. — איך וועל אײַך געבן אַ משל מיט אַ מלך. אַשטייגער, שטעלט אײַך פֿאָר, דער מלך האָט אײַך געלאָזט בעטן צו זיך אױף דער סעודה, זײַט איר געקומען אין פֿאָדערשטן חדר און דערזען, אַז אין פֿאָדערשטן חדר איז עפּעס נישט אַזוי גראַם און ליכטיק, האָט איר גענו־מען און זיך אומגעקערט צוריק. אַזוי איז דאָס אויך. איך פֿרעג נאָר איין זאַך: וואָס פֿאַר אַ ווערט האָט פֿאַר אײַך דאָס ביסל יסורים און בזיונות דאָ אינעם ענגן פּ ר ו ז ד ו ר, אינעם פֿאָדערשטן חדר, אַקעגן יענעם גרויסן ט ר ק ל י ן, דעם שיינעם רײַכן פּאַלאַץ פֿון עולם־הבא דאָרטן, וווּ די ווענט זײַנען פֿון גין־גאָלד, די ערד פֿון ריין זילבער און די שטיינער בריליאַנטן? דאָרט, וווּ דאָס לעבן איז אייביק, דאָרט, וווּ די נשמות פֿון די צדיקים זיצן אויבן־אָן און טוען זיך אָן וווילטאָג און האָבן הנאה פֿון דער לויטערקייט פֿון דער שכינה, און הקדוש־ברוך־הוא אַליין באַדינט זיי, טראָגט זיי אונטער אין גאָלדענע בעכערס דעם בעסטן ווײַן און אױף גאָלדענע טעלערלעך די פֿיש פֿונעם לויתן מיט פֿלייש פֿונעם שור־הבר...

די לעצטע ווערטער, דאָס הייסט: „ווײַן", „לויתן" און „שור־הבר" — דאָס לייגט שוין צו, געוויינטלעך, רב יוזיפל, ווי אַ צוגאָב פֿאַר דעם פּראָסטן עולם, וואָס וויל נישט וויסן פֿון קיין רוחניות און פֿון קיין שכינה. אַ פּראָסטער ייִד דאַרף האָבן אַ פּראָסט שטיקל פֿיש, מיט אַ שטיקל געבראָטנס — און דאָס איז אין כתרילעווקע איינע פֿון די זייער זעלטענע זאַכן, וואָס נאָר שבת און יום־טוב קאָן מען זיך אַזעלכעס פֿאַר־גינען, און דאָס — נישט אַלע מאָל. פֿאַר אַזעלכע ווייכע גוטע רייד האָט



מען ליב אין כתרילעווקע דעם אַלטן רב דאָס חיות, און מער פֿון אַלע — דער פּראָסטער עולם, און מער פֿונעם פּראָסטן עולם — דאָס באַרימטע פּאָרל, דער בעדער מיט דער בעדערן פֿון דער אַלטער כתרילעווקער קהלשער באָד, וואָס פֿון זייערטוועגן שענקען מיר אַ באַזונדער קאַפּיטל אין דער דאָזיקער באַשרײַבונג.

### יא.

### אדם הראשון מיט חווהן אין גן־עדן

אויב עס האָט אַ זין דאָס, וואָס שמועה אָדער פֿישל קאָרעספּאָנדענט — דער וואָס שרײַבט קאָרעספּאָנדענציעס אין אַלע בלעטער און מע דרוקט זיי נישט — זאָגט אױף דער כתרילעווקער באָד, אַז זי איז אַ גן־עדן־התחתון, דאַרף אײַך נישט אויסווײַזן אַזוי ווילד דאָס, וואָס די כתרי־לעווקער ליצני־הדור האָבן אַ נאָמען געגעבן בערקע דעם בעדער אָ ד ם־ה ר א ש ו ן, און חווה די בעדערן האָבן זיי געקרוינט מיט אַ צונעמעניש ד י מ ו ט ע ר ח ו ה. פֿון וואַנען האָט זיך גענומען דער דאָזיקער נאָמען — איז שווער צו זאָגן. אפֿשר דערפֿאַר, וואָס די בעדערן האָט געהייסן חווה, האָט דער מאַן אירער שוין במילא געפּאַסט צו הייסן אָדם? און אפֿשר דערפֿאַר, ווײַל דאָס באַרימטע פּאָרל האָט זיך געפֿונען אינעם דאָזיקן גן־עדן פֿון כמה וכמה יאָרן, אָפּגעשיידט פֿון דער גאַנצער וועלט, און געלעבט ווי אין גן־עדן? צי אפֿשר דערפֿאַר, ווײַל די כתרילעווקער ייִדן און ווײַבער האָבן געהאַט מער פֿון אַלעמען די זכיה צו זען דאָס דאָזיקע פּאָרל אין דעם זעלבן קאָסטיום, וואָס אָדם מיט חווהן האָבן געטראָגן אין גן־עדן, איידער זיי האָבן פֿאַרזוכט פֿונעם עץ־הדעת? אַזוי צי אַזוי — דאָס מוזן מיר מודה זײַן, אַז די כתרילעווקער לצים זעצן צו עמעצן אַ נאָמען, איז ער ווי געבאָרן, ווי צוגעשניטן, אויפגענייט, אויס־געפּרעסט און אָנגעמאָסטן — און „פֿאַרניצט געזונט"! עס האָט זיך אויסגעוויזן איטלעכן באַזונדער, אַז קיין אַנדער נאָמען קאָנען זיי גאָרנישט האָבן. ווי אַזוי דען זאָל מען רופֿן אַ פּאָרפֿאָלק, וואָס פֿאַרברענגען אַלע זייערע יאָרן דאָרטן, באַרג־אַראָפּ, העט־ווײַט פֿון שטאָט אַרויס, ווײַט פֿון דער באַרימטער כתרילעווקער שטענדיקער בלאָטע, סאַמע באַם ברעג טײַך, דאָרט, וווּ גרינע ווערבעס שטייען אָנגעבויגן, קוקן אַרײַן אין וואַסער אַרײַן;

דארט, ווי זומער־צייט הערט מען זשאבעס קוואקען, גראגערן און פארגראגערן דעם קאפ? אזא ערטל קאן מען טאקע אנדערש נישט רופן ווי גן־עדן, און אזא פארפאלק, ווי דער בעדער מיט דער בעדערן, זיינען באמת אדם מיט חווהן אין דעם דאזיקן גן־עדן, וואס זיינען ווי באשאפן געווארן איינס פאר דאס אנדערע משששת ימי־בראשית: ער א הויכער, א געזונטער, א ברייט־ביייניקער, אן אויסגעדינטער סאלדאט מיט א קאלטענעוואטער בארד, מיט א וואטאווע גלאנצנדיקע קאפאטע און מיט שטענדיק אונטערגעבונדענע שטיוול, און זי — א הויכע, א געזונטע, א פעטע יידענע מיט א שווארץ גלאנצנדיק געשטופלט פנים, נאר מיט גוטע גרויע אויגן, מיט א קעסטלדיקער פאטשיילע אפן קאפ און מיט שטענדיק אן אונטערגעשטעקט קליידל, וואס ס'האבן זיך ארויסגעזען פון דעם א פאר גרויסע פיס אין מאנצבילשע גרויסע שטיוול. קיין זאך אף דער וועלט האט דאס פארל נישט געוווּסט א חוץ דער באד: אדער מע הייצט די באד, אדער מע רייניקט די באד, אדער מע פארריכט די באד — קיינמאל זיצט מען נישט ליידיק, סיידן באנאכט, אז אלע פייערן ווערן פארלאשן, דעמאלט זעצן זיך אוועק אדם מיט חווהן איבער א טעפל קארטאפליעס און מע פארקלייבט זיך ווינטער אפן אויוון און זומער אין דרויסן בא דער פריזבע, און קיינעם, קיינעם איז אין כתרילעווקע נישט אזוי גוט, ווי דעם דאזיקן פארל. קיינער, קיינער האט נישט אזא שטענדיקע פארזארגטע פרנסה, ווי אדם מיט חווהן. אז קיין ראטע צאלן באדארף מען נישט, און קונים איז מען קיינמאל נישט זשעדנע. ווארעם ווי ארעם די שטאט זאל נישט זיין — אן א באד קאן זיך א ייד נישט באגיין. אמת, קיין גרויסע גליקן קאן מען דערפון נישט מאכן, קאפיטאלן קאן מען נישט קלייבן, און קיין הייזער אויגענע קויפן אוודאי נישט. ווארעם וואס צאלט א כתרילעווקער ייד, משטיינס געזאגט, אז ער קומט שוין ערב־שבת אין מרחץ ארײַן? הײַנט וויפל האלץ נעמט צו די באד, אז דער קעסל בסך־הכל איז שוין אלט, און די שטיינער זײַנען צעפאלן, און די ווענט לײַכטן זיך דורך, און פון דער סטעליע קאפעט. יעדער קאפ, וואס פאלט אפן הוילן לײַב פון די נאקעטע בעלי־בתים, טוט א ברי, א ברען, ברענט אוים א שטיק פלייש, מע טוט אזש א טאנץ אונטער און א מאך בשעת מעשה: „איף — אוי!” — ווי די רשעים אין גיהנם, בשעת מע טרײַבט זיי אף צעגליטע טשוועקעס. און דער עולם לאזט אוים דאס ביטערע הארץ אפן בעדער, שילט אים אן א פולן קאפ. און ער, דער



בעדער, טוט זיך זײַנס: גיסט וואסער אפן הייסן שטיין און ווארטשעט זיך אין בארד ארײַן: „איר פארשטייט א מעשה? אויסגעבויט א באד נאך פאר כמעלניצקים צײַטן און ווילן ס'זאל נישט קאפען!” און ער פארריכט אלע מאל מיט זײַנע אייגענע הענט די אלטע באד, פארשטעקט די ווענט, פארלאטעט דעם דאך, שפארט אים אונטער מיט אן אבאפעלעק און רייניקט אפט די מקווה, בכדי די כתרילעווקער חכמים זאלן זיך נישט ווערטלען און נישט זאגן קיין המצאות, אז זיי הערן דארטן זשאבעס קוואקען... און אדם הראשון שטייט אויף גאנץ פרי, ווען גאט אליין שלאפט נאך, שלעפט מיט די געזונטע גראבע ידים אן עמער נאך אן עמער און זעצט בשעת מעשה גאנצע שטיקער תהילים אויסווייניק מיט א ניגון, און דאס קול זײַנס קלינגט, הילכט, לאזט זיך הערן פון דער באד ארוים און קײַקלט זיך מיטן ווינט איבער די ברעגן פונעם טײַך און ווערט פארפאלן העט־ווײַט דארטן, אזש אף יענער זײַט טײַך, ווי א פויגל האט זיך פארקליבן אף א צווײַגל פון א בוים, שארכט שטילערהייט, שאקלט זיך און רייניקט דעם פיסק און טראכט מכוח אנבײַסן...

און אינעווייניק אין שטיבל, וואס בא דער באד, איז נאך שטאקפינצטער. דארט זיצט חווה די בעדערן איבער א שנויץ און פארריכט דעם „רבינס” גרעט, וואס זי אליין טאקע האט דאס אים נעכטן אויסגעוואשן. פארלאטעט ווי ערגעץ א ריס און נייט־צו ווי מע דארף א קנעפל. דער „רבי” זאל האבן וואס אנצוטאן, אז ער וועט אויפשטיין פונעם שלאף.

פונעם שלאף? משטיינס געזאגט, דאס שלאפן וואס דער אלטער רב יוזיפל שלאפט, אז אט נישט לאנג האט ער אפגעפראוועט חצות און אקערשט, ווי מע זעט נישט, כאפט ער זיך אויף, גיסט אפ נעגל־וואסער און נעמט זיך צו עבודת־הבורא, הייבט אן „זאגן”... וואס זאגן — וויים זי נישט אקוראט, נאר אז ער זאגט, איז א מחיה צו הערן! איטלעכס ווארט ממש צעגייט זיך אין אלע אברים!

און די בעדערן שטייט אויף פאוואלינקע, גייט אף די שפיץ־פינגער, נעמט זיך שטילערהייט צו דער מולטער, אויסמאכן די חלה אף שבת.

— קוקאריקו! — ציט אוים א ווײַסער האן מיט רויטלעכע פליגלען, שפרינגט אראפ צוליב דעם טאקע פון די באנטענעס גלײַך אף דער שוועל, מיינט, אז ער האט דא געטאן עמעצן מי יודע וואס פאר א טובה דערמיט, וואס ער האט אויפגעוועקט דעם עולם צו דער ארבעט.

— אַ קיש אין דער ערד אַרײַן! — מאַכט צו אים חווה און טרײַבט אים דורך מיט ביזיונות און שיט אים אָפּ מיט ווערטער. — קיש־קיש צו אַלדע שוואַרצע יאָר! צי מע דאַרף, צי מע דאַרף נישט, ער ווייס נאָר קוקאַריקו! וואַרט־וואַרט, וועסט זיך נאָך אַ ביסל באַ מיר אונטערהאָדעווען, וועל איך דיך אַוועקטראָגן צום שוחט, וועט דיר שוין זײַן אַ קוקאַריקו! וועסט שוין באַ מיר קוקאַריקען!

די דאָזיקע אַלע דבורים, וואָס חווה איז מכבד דעם האָן עם עזות־פּנים, זײַנען אָבער אַרויסגעוואָרפן: דער „רבי" איז שוין במילא אויפגעשטאַנען, שוין לאַנג אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער און גענומען זיך צו עבודת־הבורא, און ער „זאָגט" שוין... וואָס ער זאָגט — ווייס ניט חווה אַקוראַט, נאָר אַז ער זאָגט, איז אַ מחיה צו הערן! איטלעכס וואָרט ממש צעגייט זיך אין אַלע אברים! און זי טראָגט אים אונטער מיט גרויס דרך־ארץ אַ טעפּל ציקאָריע, הייסע און געשמאַקע, און סע זעצט אַ פּאַרע, און סע שמעקט טעם גן־עדן.

## יב.

## דער רב רב יוזיפל האָט אַ גוטע עלטער

די המצאה, אַז דער אַלטער רב רב יוזיפל זאָל לעבן פון דער פּרנסה פון דער כתרילעווקער קהלשער באָד, איז געווען איינע פון יענע גליקלעכע המצאות, וואָס נאָר אין כתרילעווקע קאָן מען פאַלן אויף אַזאַ גלײַכער זאַך. בערקע ער בעדער, אָדער אדם הראשון, וואָס האָט אויף זײַן אייגענעם חשבון, אייגנטלעך, באַדאַרפט על־פּי כתב באַהייצן מיטן האָלץ פון דער באָד אויך דאָס בית־המדרש, להבדיל, האָט סײַ ווי סײַ געלאָזט פרירן די בעלי־ בתים אַ גאַנצן ווינטער, געפונען אַלע מאָל אַן אַנדער תירוץ: דער פראָסט איז צו גרויס, דאָס האָלץ איז נאַס, אַ טומאַן אין דרויסן, וכדומה אַזעלכע פּזמונות, וואָס נישט געשטויגן, נישט געפלויגן — לאָז ער כאָטש אויסהאַלטן רב יוזיפל דעם רב אויף דער עלטער, מען האָט אים שוין מוחל געווען דאָס בית־המדרש! און וואָס דאַרף, משטיינס געזאָגט, אַן אַלטער ייִד, און אַ רב, ובפרט נאָך אַזאַ ייִד, און אַזאַ רב, ווי רב יוזיפל, וואָס אפילו אין די גוטע יאָרן איז באַ אים אַלצדינג געווען גוט? די רביצן אַליין, פרומע־טעמע עליה השלום, פלעגט דערציילן אויף איר

besmedresh unheated, uninhabitable, that leaves only the bathhouse!



מאָן, אויף רב יוזיפלען, אַז ס'איז באַ אים אַלצדינג רעכט. ווען, למשל, מע גיט אים עסן הייסע קוילן, עסט ער; ער בריט זיך, נאָר ער עסט. אַזאַ מין מפונק איז דאָס געווען. הײַנט בפרט נאָך איצט אויף דער עלטער! איין זאַך איז נאָר שלעכט: ס'וועט אים זײַן באַ זיי אַ ביסל ענגלעך. איז דאָ אַן עצה: אָדם מיט חווהן קאָנען גאַנץ פײַן שלאָפן אין באָד, און „דער רבי" אין שטוב. די באָד מיט דער שטוב איז במילא איין שטוב, שטייען אונטער איין דאַך. נאָך אַ מעלה האָט די באָד, וואָס ווינטער איז דאָרטן וואַרעם, טאַקע ווי אין אַ גן־עדן. אמת, די דאָזיקע מעלה איז אַ מעלה נאָר ווינטער, און קומט זומער — ווערט פון דער מעלה אַ חסרון. ס'איז אַזוי הייס, אַז נישט נאָר אין באָד — אין שטוב קאָן מען צעגאַנגען ווערן פון היץ. איז אָבער פאַראַן אַן אַנדער עצה: שלאָפט מען אין דרויסן. זומען אין דרויסן איז דאָך טויזנט מאָל בעסער ווי אין שטוב, ובפרט נאָך דאָ, באַם ברעג טײַך, איז דאָך טאַקע אַ גן־עדן. אמת די דאָזיקע מעלה האָט אין זיך אויך אַ שטיקל חסרון, וואָס איבער די זשאַבעס איז דאָ, באַם ברעג טײַך, אוממעגלעך צו שלאָפן. איז דער תירוץ: למאי אין שטוב? אין שטוב באַ זיי איז דען נישטאָ קיין זשאַבעס? עס האָט זיך דען נישט געטראָפן חווה די בעידערן וויפל מאָל, אַז זשאַבעס זאָלן איר שפּרינגען גלײַך אין פּנים אַרײַן אָדער פון בעט, אָדער פון דער דייזשע, אָדער גאָר פון אויוון אַרויס? ... בקיצור, מע האָט דעם „רבין" באַגלייט אין שטוב, און אָדם מיט חווהן האָבן זיך באַזעצט אין גן עדן, דאָס הייסט אין באָד, און האָבן אַכטונג געגעבן אויפן „רבין", ס'זאָל אים דאָ זײַן גוט, ער זאָל האָבן אַלצדינג צו דער צײַט, דאָס עסן צו דער צײַט און דאָס טרינקען צו דער צײַט. און מיט דער צײַט זײַנען זיי צו אים געוואָרן שטאַרק צוגעבונדן, ליב געקריגן, אַזוי ווי עפּעס אַן אייגענעם.

גערופן האָט זיי דער אַלטער רב יוזיפל „קינדערלעך", און זיי אים — „רבי". און נישט אומזיסט, וואָרעם זיי האָבן אויף זייער גאַנצן לעבן ביז אַהער נישט געהערט אַזויפיל תורה, וויפל זיי האָבן זיך אָנגעהערט דאָ פונעם אַלטן ־רב רב יוזיפל אין איין טאָג. און אַלצדינג וואָס זיי האָבן פון אים געהערט איז באַ זיי געווען אַ נײַס. ער האָט אויסגעזען באַ זיי אין די אויגן, ווי אַ מענטש, וואָס איז נאָר־וואָס געקומען צו פאָרן פון זייער אַ ווײַטער מדינה און דערציילט זיך אַן אַזעלכע חדושים, וואָס מע האָט זיי קיינמאָל נישט געהערט. און אפילו נישט געזען אין חלום. מיט אָפּענע מײַלער און מיט האַרצקלאַפּעניש פלעגט דאָס דאָזיקע פּאָרל זיצן ווינטער

בא דער לעזשאנקע, און זומער אין דרויסן אַף דער פּריזבע, און קוקן אַפן „רבין" און האָרכן, ווי דער „רבי" רעדט פון רוחניות, דערציילט חדושים פון גאָט, פון מענטשן דאָ אַף דער וועלט, און פון מלאכים דאָרט אַף יענער וועלט, פון דער ערד און פון אַלע באַשעפענישן וואָס אַף דער ערד, און פונעם הימל מיט דער זון מיט דער לבנה מיט די שטערן און מיט די אַלע איבעריקע גלגלים. און נישט איין מאָל פלעגט זיך אויסווײַזן אָדם הראשונען מיט חוהן, זיצנדיק אין דרויסן בא דער באָד אין די וואַרעמע ליכטיקע זומער־נעכט, אַז דער דאָזיקער זקן, מיט דעם אײַנגע־בויגענעם רוקן, מיט דעם קליינעם ווײַסן בערדל און מיט די גוטע, גוטע אויגן, איז אַליין עפּעס אַ מין רוחניות וואָס אָט הייבט זיך עם אויף פון דער ערד און הייבט אָן שוועבן אין דער לופטן, שוועבט אַזוי לאַנג, ביז סע ווערט פאַרשוווּנדן דאָרטן ערגעץ, צווישן די גלגלים... און זיי אַליין פילן אויך, ווי עס ציט זיי עפּעס אַהין אַרויף, צו יענע ווײַסע פאַסמעס און צו יענע קליינע שטערנדלעך; צו די נשמות, וואָס בלאָנדזשען דאָרט אַרום און געפינען נישט קיין רו...

גאָט ווייס אויב ס'איז נאָך עמעצן אַף דער גאַנצער וועלט געווען אַזוי גוט, ווי אונדזער פּאָרל אָדם מיט חוהן אין גן עדן, און אויב עמעצער נאָך האָט געהאַט אַזאַ גליקלעך עלטער, ווי דאָ בא זיי אין גן־עדן, האָט געהאַט דער אַלטער רב רב יוזיפל פון כתרילעווקע.

## יג.

### כמעט דאָס ערשטע מאָל אין זײַן לעבן איז רב יוזיפל אין כעס

הימל און ערד האָבן געשוואָרן, אַז קיין איבעריקע זאַך זאָל נישט זײַן אַף דער ערד; און שטענדיק גוט — דאָס טאָר נישט זײַן קיינעם נישט, אין ערגעץ נישט! פאַראַן אַ שטן מקטרג, וואָס מישט זיך אַרײַן, שטייט בא אונדז שטענדיק הינטער די פּלייצעס און היט אונדז די נשמה, גיט אַכטונג, מיר זאָלן חלילה נישט פאַרגעסן אָן גאָט... דער דאָזיקער שטן האָט זיך אַרײַנגעמישט אויך אַהער, אין דעם גן־עדן, וואָס מיר האָבן אויבן באַשריבן, און האָט שיר־שיר נישט אַרויסגעטריבן פון דאַנען אָדם מיט חוהן, און מיט זיי אינאיינעם — נעבעך דעם אַלטן עלנטן זקן;



שיר־שיר נישט חרוב געמאַכט די נעסט, שיר־שיר נישט צעשטערט די ליבע און געטרײַע, שיר־שיר נישט פאַרשטערט האָס גליק אַף אייביק.

דאָס איז געווען דעמאָלט, ווען חווה די בעדערן איז געקומען פונעם מאַרק, געוואָלט קויפן פישלעך — איז נישט געווען, געוואָלט קויפן קאַר־טאָפלעס — איז נישט געווען, אַ בינטל ציבעלקעלעך — איז נישט געווען, נישט געווען קיין לעבעדיקער נפש. פריִער האָט זי גערעכנט, אפשר איז זי צו פרי אַרויסגעגאַנגען אין מאַרק? האָט זי אַ ביסל צוגע־וואַרט. דערזען, אַז ס'איז שוין גרויסער טאָג און אין מאַרק — איר זאָלט זאָגן אַ משוגענער הונט! ווו־נישט־ווו זעט זי ייִדן לויפן, פאַקעווען זיך, אין וועג אַרײַן. וואָס איז די מעשה? מע לויפט! וווּהין לויפט מען? אין דער וועלט אַרײַן!...

און ביז חווה איז געקומען אַהיים און איבערגעגעבן דאָס אָדם הרא־שונען, און ביז אָדם הראשון האָט דאָס איבערגעגעבן דעם „רבין, איז שוין העכער אַ האַלבע שטאָט געווען אַף יענער זײַט בית־עולם.

תחילת האָט רב יוזיפל גאָרנישט געוואָלט גלייבן, אַז ס'זאָל זײַן אמת: זיי לויפן? וואָס הייסט, זיי לויפן? נאָכדעם האָט ער גענומען דאָס יאַמשאָווע שטעקל מיט דער אויסגעבויגענער בלעכענער גאַלקע, וואָס איז שוין אַלט אפשר אַזויפיל, וויפל ער איז רב אין כתרילעווקע, און האָט זיך מטריח געווען מיט זײַן עלטער אין שטאָט אַרײַן, און האָט נאָך געפונען עטלעכע ייִדן קלײַבן זיך אין וועג אַרײַן, האָט ער זיי אָפּגע־שטעלט, און מיט אַ זיסן שמייכל האָט ער גענומען זיי שטראָפן, זאָגן מוסר.

— עטלעכע איבערגעבליבענע ייִדן האָבן אים אויסגעהערט מיט זייער אַ טיפן זיפץ און געזאָגט מיט ביטערן שמייכל:

— יאָ, איר זײַט זייער גערעכט, נאָר פונדעסטוועגן, רבי, זעצט זיך און פאָרט אויך מיט אונדז! פאָלגט אונדז, רבי, פאָרט מיט אונדז, און וואָס גיכער!

— פאָרן? וווּהין? צו וואָס? צוליב וועמען?

אָבער אַלע זײַנע רייד זײַנען געווען אומזיסט אַרויסגעוואָרפן, וואָרעם די עטלעכע איבערגעבליבענע ייִדן זײַנען שוין אויך געווען לאַנג פון יענער זײַט שטאָט.

געקומען אהיים אין גן־עדן, מיין איך: צום בעדער מיט דער בע־דערן אין באָד אַרײַן, האָט ער געטראָפן אָדם מיט חווהן שטאַרק פאַר־זאָרגט, כמעט אין טרערן, און ער, רופט זיך אָן צו זיי:

— וואָס זײַט איר, קינדערלעך, אַזוי פאַרצאָרנט?

— ס׳טשײַטש, מאַכן זיי צו אים, איר ווייסט דען נישט, וואָס עס טוט זיך? דאָ איז נאָר וואָס געווען האַפּקע?

— וואָסער האַפּקע?

— האַפּקע די ערליתטע, די וואָס פאַרלעשט די ליכט שבת. דער־ציילט זי זיך אָן אַזעלכע מוראדיקע זאַכן, וואָס די האָר שטעלן זיך קאַפּויר!

און אָדם מיט חווהן דערציילן אים ביידע אינאיינעם, כאַפּן איינס פאַר דאָס אַנדערע, די אַלע מוראדיקע זאַכן, וואָס האַפּקע דערציילט זיך אָן וואָס אַף דער וועלט טוט זיך. און רב יוזיפל דער רב זיצט אָנגעשפּאַרט אַפן שטעקן און האָרכט, האָרכט מיט קאָפּ. ער זיצט און טראַכט און ענט־פערן ענטפערט ער גאָרנישט. און נאָכדעם הייבט ער אויף דעם קאָפּ, קוקט זיך אַרום פון אַלע זײַטן, לייגט אַוועק לעבן זיך דאָס אַלטע יאַמ־שאָווע שטעקל, טוט אויס דאָס היטל און בלײַבט אין דער יאַרמעלכע, און רופט זיך אָן צו אָדם מיט חווהן:

— הערט זשע אויס, קינדערלעך, וואָס איך וועל אײַך זאָגן, אַז דאָס אַלצדינג, וואָס איר דערציילט אַט דאָ, איז דאָס אַלץ פּוסטע זאַכן, נישט ווערט קיין שמעק טאַבעקע; הנה זײַט וויסן, אַז לא ינום ולא יישן שומר ישראל, גאָט שלאָפט נישט. איך וועל אײַך דערציילן אַ משל מיט אַ מלך...

— וואָס מיר מלך? ווער מיר מלך? איר הערט בעסער, וואָס האַפּקע דערציילט זיך אָן! — אַזוי כאַפּט זיך אַרויס אָדם הראשון און האָט באַלד חרטה: ער פילט, אַז ס׳איז גראָבלעך, זייער גראָבלעך פון זײַן זײַט. נאָר פאַרריכטן האָט ער שוין נישט געקאָנט: רב יוזיפל האָט זיך אָפּגעקערעוועט פון אים, זיך אָנגעטאָן אין טלית ותפילין, גענומען אַ ספר, דאָס אַלטע יאַמשאָווע שטעקל לעבן זיך, און זיך אַוועקגעזעצט באַם טיש אויבן־אָן, ווי אַ מלך בשעת מלחמה, אָנגעוואָפּנט פון קאָפּ ביז פיס, און געקוקט מיט גרויס גדלות, ווי איינער רעדט:



— אַנו, לאָז, אַ שטייגער, עמעצער פּרוּוון צוטרעטן אַהער?...

און פון זײַנע אַלטע שוואַרצע אויגן און פון זײַנע אַלטע גרויע האָר האָט אַרויסגעקוקט אַזויפיל גבורה און רויִקייט, אַז אָדם מיט חווהן האָבן זיך געפילט, אַז נישקשה — זיי האָבן אַף וועמען זיך אָנצושפּאַרן.

## יד.

**צוויי שטעט באַגעגענען זיך און צעפּאָרן זיך מיט גאָרנישט — און אַ סוף**

געשניטן האָט זיך דער עולם אַף דעם טראַקט, וואָס גייט קיין מאַ־זעפּעווקע, אין דער סביבה פון יעהופּעץ, און דער ערשטער פּונקט אַף אָפּצושטעלן זיך איז געווען קאָזאָדאָיעווקע, אויך אַ ייִדישע שטאָט, וואָס איז באַוווסט מיט אירע באַרימטע ציגן, וואָס דער נאָמען אַליין באַווײַזט שוין דערויף. קאָזאָדאָיעווקער ציגן מעלקן זיך גאָר אַנדערש און זײַנען אָפּגעשיידט פון די כתרילעווקער ציגן מיט זייערע הערנער, דאָס הייסט דערמיט, וואָס זיי האָבן נישט קיין הערנער. אָפן אָרט פון הערנער איז בא זיי עפּעס אַ מאָדנע צאַצקע פון פאָרנט, אַ מין של ראש להבדיל, און זיי זײַנען בטבע זייער פלאַכעניסטע געלאַסן הייסט דאָס און נאַריש, אַ סאַך מער ווי די כתרילעווקער ציגן. אַ קאָזאָדאָיעווקער ציג קאָנט איר באַגעגענען אין מיטן גאַס, איר ווײַזן אַ ביסל שטרוי און זאָגן איר: קאָז־קאָז־קאָז — שטעלט זי זיך אַנידער, צענעמט די פּיסלעך, כאָטש נעמט מעלקט זי אויס...

אויך די ייִדן, להבדיל, זײַנען דאָרטן גאָרנישט די ייִדן, וואָס אין כתרילעווקע, דאָס הייסט, די ייִדן זײַנען דאָרטן די זעלביקע ייִדן, וואָס דאָ, מיט די זעלביקע נשמות, מיט די זעלביקע מאָגנס, און אַפילו די זעלביקע אָרעמע לײַט, וואָס יענע. דער גאַנצער חלוק איז נאָר אינעם „ברוך־שאָמר", דאָס הייסט, וואָס די כתרילעווקער ייִדן זאָגן אינעם דאַוו־נען פריִער „הודו" און נאָכדעם „ברוך־שאָמר", און די קאָזאָדאָיעווקער ייִדן זאָגן, פאַרקערט, פריִער „ברוך־שאָמר", און ערשט נאָכדעם „הודו". דאַכט זיך, וואָס איז, אייגנטלעך, די נפקא־מינה: דאָס פריִער, יענץ פריִער? סײַ ווי סײַ אַ תפילה פון גאָט, ניין, זאָגט דאָס נישט! אין אַמאָליקע גוטע יאָרן, אַז די כתרילעווקער און קאָזאָדאָיעצקער ייִדן האָבן געהאַט פּרנסה בכבוד און ס׳איז זיי אָפּגעגאַנגען, ווי מע זאָגט, נאָר

קאַפּווייטיק, האָט זיך פֿאַר דעם „ברוך־שאָמר“ מיט דעם „הודו“ געגאָסן בלוט. עס האָט זיך וויפֿל מאָל געמאַכט, אַז אַ קאַזאַדאָיעווקער איז געקומען קיין כתרילעווקע אין בית־המדרש אַרײַן דאַווענען, און דער חזן האָט זיך אַוועקגעשטעלט צום עמוד, אָנגערוקט דעם טלית, זיך צעשאָקלט און אַ זאָג געטאָן מיט אַ ניגון:

— הודו לה׳ קראו בשמו...

האָט זיך דער קאַזאַדאָיעווקער צעלאָזט אױף דער הויכער אָקטאַווע:

— ברוך שאָמר והיה העולם!

און פֿאַרקערט, אַז אַ כתרילעווקער איז געקומען קיין קאַזאַדאָיעווקע אין שול אַרײַן, און דער חזן האָט זיך פֿאַרדבקהט, נאָר־וואָס פֿאַרמאַכט די אויגן, אויפֿגעהויבן דעם קולאַק און אָנגעהויבן דעם „ברוך־שאָמר והיה העולם“, האָט זיך דער כתרילעווקער צעלאָזט אױפֿן געלענקל:

— הודו לה׳ קראו בשמו הודיעו בעמים עלילו—ו—ו—תיו!

דער „הודו“ אַליין איז פֿאַר די קאַזאַדאָיעווקער נישט געווען אַזוי פֿריקרע נאָך, ווי דער „עלילותיו“, וואָס דער כתרילעווקער האָט אויסגעצויגן אפשר אױף אַנדערהאַלבן קלאַפּטער. ממה נפשך, ווילסט זאָגן „הודו לה׳ קראו בשמו הודיעו בעמים עלילותיו“? — שטעל זיך אַוועק און זאָג דיר דאָרטן אױף: „הודו לה׳ קראו בשמו הודיעו בעמים עלילותיו“. צו וועלכע גוטע יאָר נוצט דאָס דיר, אַז דו זאָלסט אַזוי אויסציִען אױף אַ קול דעם „עלילו—ו—ו—ו—ותיו“? טוסטו דאָך עס, אַפּנים, אױף צו־להכעיס? איז ווי באַלד דו ביסט אַזאַ צו־להכעיסניק, קומט דיר פּעטש! און מע האָט אים דעמאָלט אַרײַנגעלייגט וויפֿל ס'איז אין אים אַרײַן, און עס האָט זיך אָנגעהויבן צווישן די כתרילעווקער און קאַזאַדאָיעווקער ייִדן אַ שנאה און געצויגן זיך לאַנגע־לאַנגע יאָרן. אָנגעהויבן האָט זיך עס מיט פּעטש און אויסגעלאָזט מיט מסירות און מיט יאַבעדעס און מיט גראָבעניש און מיט באַגראַבעניש — די וועלט האָט מיט זיי דעמאָלט געהאַט צו טאָן, ווילד־פֿרעמדע האָבן זיך אַרײַנגעמישט אין זייערע משפּטים, געמאַכט חוזק פֿון זיי מיט זייערע ייִדישע מנהגים און פּוסטע גענג, זיי געגעבן אַ שיינעם נאָמען „פֿאַנאַטיקער“. בקיצור, ס'איז געווען פֿע, חולשי חלשות!

אמת, יענע נאַרישע נאָר גליקלעכע יאָרן זײַנען שוין לאַנג אַוועק, און גאָט ווייס, אויב זיי וועלן זיך אַמאָל אומקערן: אמת, עס האָט זיי אַלעמען אַזוי פֿאַרדרייט דעם קאָפּ, אַז זיי האָבן גרעסערע מכות פֿון



„הודו“ מיטן „ברוך־שאָמר“; נאָר די שנאה צווישן די כתרילעווקער מיט די קאַזאַדאָיעווקער איז פֿאַרבליבן אַ שנאה, וואָס מיטן שכל קאָן מען זי נישט געבן יענעם צו פֿאַרשטיין בשום אופן... גיי, אַשטייגער, גיב צו פֿאַרשטיין דעם שכל, פֿאַרוואָס, למשל, אַז אַ קליין שייגעצל אין כתרילעווקע, אַז סע דערזעט אַ ייִדן, מוז דאָס כאַפּן דאָס היטל אין די ציין און אָנהייבן טרייסלען דאָס אַהין און אַהער און זינגען בשעת מעשה אַ לידל: „זשיד זשיד! כאַלאַמיד! זאַהוביוו טשערעוויק! אַ יאַ שאָוו! טאַי נאַשאָוו! טאַי פּידניאָוו! טאַי פּישאָוו!“ [1] אָדער פֿאַרקערט, גייט זײַט אַ חכם און גיט צו פֿאַרשטיין דעם שכל, פֿון וואַנען נעמט זיך דאָס, אַשטייגער, וואָס באַ אַ כתרילעווקער ייִדן, וויבאַלד ער רעדט פֿון נישט קיין ייִדן, אַזוי הייבט ער אָן אויסנוצן וויפֿל ער האָט לשון־קודש־ווערטער: „גיב דעם ערל אין די ידים אַ צנצנת יי"ש, נאָר נישט מלא, מיט אַ שטיקל לחם, וואָרעם ער האָט נאָך הײַנט גאָרנישט געאַכלט, און זײַ אים משלם צוויי זהובים, און לאָז ער הלכענען, נאָר גיב אַכטונג מיט די עינים ער זאָל עפּעס נישט לקחענען“... דאָס זײַנען פֿון די זאַכן, וואָס פֿאַרשטיין מיטן שכל קאָן מען דאָס נישט, מע באַדאַרף עס פֿילן... נאָר מיר קערן זיך אום צו די כתרילעווקער און קאַזאַדאָיעווקער ייִדן.

פֿאַראַן אַזעלכע מאָמענטן אינעם מענטשנס לעבן, וואָס אַלצדינג ווערט פֿאַרגעסן, אַלצדינג ווערט אָפּגעמעקט, גלײַך ווי גאָרנישט געווען; און ס'איז אַ גליק, וואָס עס איז אַזוי. אַנישט, וואָלט די וועלט קיין קיום נישט געהאַט! גאַנץ גלײַך האָבן אונדזערע חכמים מתקן געווען, אַז ערב יום כפּור, בשעת מלקות שלאָגן, איז מען זיך איינס דאָס אַנדערע מוחל.

אויך די שנאה פֿון די כתרילעווקער מיט די קאַזאַדאָיעווקער, אַז זיי האָבן זיך באַגעגנט אין וועג אין אַזאַ שיין שטיקל צײַט פֿון בהלות און לויפֿעניש, איז מיטאַמאָל אַוועקגעפֿלויגן, ווי מיטן ווינט און מיטן רויך — אויס שנאה! און באַגעגנט האָט זיך כתרילעווקע מיט קאַזאַדאָיעווקע פּונקט אױף דער מיט וועג, אין פֿעלד, נישט ווײַט פֿון יענעם אָרט, וווּ ס'איז אַמאָל געשטאַנען אַ ייִדישע קרעטשמע, וואָס מען האָט זי גערופֿן „די דעמבענע“, און וואָס האָט איבערן מאַנאַפּאָל געמוזט צומאַכן זיך. עס האָט איר גאָרנישט געהאָלפֿן!

אַז כתרילעווקע מיט קאַזאַדאָיעווקע האָבן זיך באַגעגנט, האָבן זיי זיך

ביידע אָפּגעשטעלט, און ס'איז צווישן די צוויי פאַרגעקומען אַזאַ מין געשפּרעך:

כ ת ר י ל ע ווק ע: וווּהין פאָרן דאָס, אַשטייגער, ייִדן?

ק אַ ז אַ ד אַ י ע וו ק ע: וווּהין פאָרט איר?

כ ת ר י ל ע וו ק ע: מיר? מיר פאָרן גלאַט אַזוי, איטלעכער מכּוח זײַן עסק, פּאַ דיעלו הייסט עס...

ק אַ ז אַ ד אַ י ע וו ק ע: אַ גאַנצע שטאָט פאָרט מכּוח עסק?

כ ת ר י ל ע וו ק ע: וואָס זײַט איר? נישט קיין גאַנצע שטאָט?

ק אַ ז אַ ד אַ י ע וו ק ע: מיר זײַנען עפּעס אַנדערש; מיר פאָרן נישט — מיר לויפן.

כ ת ר י ל ע וו ק ע: פון וואַנען־זשע ווייסט איר, אַז מיר — נישט

ק אַ ז אַ ד אַ י ע וו ק ע: אָט אַזוי זשע רעדט. וווּהין־זשע לויפן דאָס ייִדן?

כ ת ר י ל ע וו ק ע: וווּהין לויפט איר?

ק אַ ז אַ ד אַ י ע וו ק ע: מיר? מיר לויפן... צו אײַך.

כ ת ר י ל ע וו ק ע: און מיר צו אײַך.

ק אַ ז אַ ד אַ י ע וו ק ע: וואָס וועט איר טאָן בײַ אונדז?

כ ת ר י ל ע וו ק ע: דאָס אייגענע, וואָס איר בײַ אונדז.

ק אַ ז אַ ד אַ י ע וו ק ע: הערסט! וואָס זשע דאַרפן מיר לויפן צו אײַך און איר צו אונדז?

כ ת ר י ל ע וו ק ע: בכדי, אַפּנים, מיר זאָלן זיך בײַטן מיט די ערטער?

ק אַ ז אַ ד אַ י ע וו ק ע: ווערטלעך אַף אַ זײַט! איר זאָגט אונדז געסער דעם שׂכל: וואָס לויפט איר?

כ ת ר י ל ע וו ק ע: וואָס לויפט איר?...

. . . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . . .

ערשט אָט־דאָ, אַז די צוויי שטעט האָבן זיך צערעדט, זיך רעכט באַטראַכט איינס דאָס אַנדערע און אָנגעקוקט זיך אַקוראַט ווי עס געהער צו זײַן, מיט זײַטיקע אויגן, האָבן זיי אַרויסגעזען, וואָס פאַר אַ פּנים זיי האָבן...

— געזען אַ ביסל? זיך צעלאָזט! מע לויפט! וואָס לויפט מען? וווּהין לויפט מען? אַ לויפעניש אַף זיי!



און מע האָט אָנגעהויבן ווישן די אויגן, וויינען און קרעכצן:

— אַז אָך און ווײ איז צו אונדז אַלעמען, אַף וואָס מיר זײַנען איבערגעקומען!

און מע האָט זיך צערעדט, אָנגערעדט ווי די פּויקן, זיך אויסגערעדט דאָס האַרץ... און נאָכדעם האָט מען זיך געגעבן די הענט, מע האָט זיך גאַנץ פֿײַן אָפּגעזעגנט און צעקושט זיך. גאָר פרײַנטלעך, ווי אמתע גוטע פרײַנט, ווי מחותנים, וואָס האָבן זיך נאָך־וואָס משדך געווען, אָדער ווי מאַן און ווײַב, וואָס האָבן זיך געגט און צוריק גענומען זיך, און מע האָט אויסגעבטלט אַלע בייזע וויסטע חלומות אַף די שונאימס קעפּ, און מע האָט זיך געווינטשעוועט איינס דאָס אַנדערע, אַז דערמיט זאָל מען שוין אָפּקומען, געזאָגט מיט אַ ביטערן געלעכטער: „י ה י רצון"... און מע האָט אַ ווונק געטאָן צו די ערלים, זיי זאָלן מוחל זײַן פאַרקערעווען די פערדלעך צוריק.

און די צוויי שטעט זײַנען זיך צעפאָרן צוריק אַף זייערע ערטער: כתרילעווקע קיין כתרילעווקע, קאַזאַדאַיעווקע קיין קאַזאַדאַיעווקע. שטיל, אָן ווערטער, האָט מען זיך אַרײַנגעגנבעט צו זיך אַהיים, ווי די פייגעלעך, איטלעכער אין זײַן נעסט אַרײַן. שטיל, אָן ווערטער, האָט זיך איטלעכער גענומען צו זײַן אַרבעט. און נאָך לאַנג נאָכדעם פלעגט מען איבערחזרן, איבעררײדן, דערמאָנען זיך נאָך אַ מאָל פון דער שיינער בהלה, וואָס ס'איז אַף זיי געווען. און בכדי די שפּעטערדיקע דורות, אונדזערע קינדס־קינדער, זאָלן אויך וועגן דעם וויסן, האָבן מיר זיך מטריח געווען באַשרײַבן די דאָזיקע שיינע עפּאָפּעע אין אונדזער פּראָסטער ייִדישער שפּראַך און אַרויסגעבן זי באַזונדער אין אַ ביכל, ס'זאָל בלײַבן נאָך אונדז אַ זכר אַף דור־דורות.

געשריבן אין יאָר 1904